STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05098

AVRAAM LINKOLN

A. V. Kamenskii

Permanent preservation of this book was made possible
by Muriel Fohrman
in memory of
her parents, Abe & Anna Leff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבראאם לינקאלן

דער בעפרייער פון די שקלאווען,

זיין לעבט׳ געזעללשאפטליכע ארבייט.

א ביאגראפישעס בילד

פון א. קאמענסקי.

(איבער׳ן רוססישען).

ווארשא. תרע.

АВРААМЪ ЛИНКОЛЬНЪ

Біографическій очеркъ

А. Каменскаго.

Переводъ съ русскаго.

Типо-Лит. Ф. Баумритера Варшава, Красинск. пл. 6 1910 г.

PUBLIC LIBRARY
DETROIT MICH.

YIDDISH

HENRY M. UTLEY

4

ערשטעס קאפיטעל.

אבראהאם לינקאלן, דער בעריהמטער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען אין אמעריקא, איז געבוירען אין יאהר 1809 ביי ארימע, אונגעבילדעטע עלטערן. זיין פאטער טאמאס האט געשטאמט פון פוריטאנער (איין ענגלישע סעקטע), האט זיך אין יאהר 1806 בעזעצט אין שטאאט קענטוקי, אין דער צייט, ווען יענער געגענד איז נאך אין גאנצען אונבעוואהנט געוועזן. א יאהר דער נאך איז ביי איהם א טאכטער געבוירען געווארען, אונ אין צוויי יאהר ארום — א זוהן, ע ב, (פערקירצט פון אבראהאם), דער קינפ-טיגער, בעוואוסטער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען — אבראהאם לינקאלן.

אין יענע צייט האבען אין אמעריקא נאך נישט עקזיס-טערט די פאלקס-שולען, וואס מען קאן היינט דארט אין יעדען קליינעם דארפעל געפינען, דערצו איז די פאמיליע לינקאלן געוועזן זייער אר'ם אונ אונגעבילדעט, טאמאס האט זאגאר לעזען אונ שרייבען נישט געקאנט — עס פערשטעהט זיך אלזא, ווי שווער עס איז אנגעקוממען דעם קינד אבראהאם עפּיס בילדונג צו געבען. צום גליק אבער האט זיך נישט ווייט פון דעם ארט, וואו די פאמיליע לינקאלן האט געוואהנט, א געוויסער זאכאריא ראייני, א מענש מיט נישט קיין זעהר הויכע בילדונג, א קליינע שולע געאפענט, אונ אבראהאם'ס עלטערן, כאטש זיי זענען אליין אונגעבילדעט געוועזן, האבען דאך געוואלט דאס קינד פאר לייט מאכען, אונ האבען איהם טאקי אין דער

זעלבער שולע געשיקט. אבראאם איז דעמאלס 9 יאהר אלט געוועזן, אונ האט שוין דעמאלס א שאדליכען פיינד פאר זיין ארענטליכקייט בעקוממען, וואס האט איהם געשטארט זיין אויסבילדונג. די מעשה איז אזוי געוועזן: נעבען דער פאמיליע לינקאלן האט געוואהנט א רייכער פלאנטאטאר, מיט זעהר א שלעכטען כאראקטער; ביי דעם רייכען האט געארבייט א שקלאוו, א נאגער, מיט וועלכען אבראאם פלעגט זיך אפט אבגעבען, געהענדיג אין דער שולע דורך די פלאנטאציען, וואו דער נאגער האט געארבייט. דעם רייכען האט דאס זעהר פערדראסען אונ ער האט זיך אין דעם קינד נוקם געוועזן דער מיט, וואס ער האט איהם פערווערט דורך צו געהען דורך זיינע פלאנטאציען אין דער שולע אריין. קיין אנדער וועג איז נישט געוועזן, אונ אבראאם האט די ביזהעריגע שולע מעהר נישט געקאנט בעזוכען. באין ברירה, האט די מוטטער איהם מיט זיין שוועסטער געשיקט אין איין אנדער שולע, וואס האט זיך געפונען 12 וויארסט פון זיי. דער פערוואלטער פון דער שול, קאלעב גאזעלי, איז נאך וועהניגער געבילדעט געוועזן, ווי דער פערוואלטער פון דער ערשטער שולע. נאר אויך דא האט אבראאם נישט לאנג געווילט; דער רייכער שכן, אז ער האט געזעהען, אז ער האט מיט דעם קינד שוין גאר נישט צו מאכען האט ער זיך אין טאמאס'ן נוקם געוועזן, געקוואלט איהם, וואו נור ער האט געקאנט, אזוי לאנג, ביז טאמאס האט נישט געקאנט אויסהאלטען אונ האט געמוזט זיין נחלה פערקויפען (פאר 20 פאסלעך שפירט אונ 20 דאלאר באר געלד) איין אנדערען אונ אבריזען!

אין הערבסט פון יאהר 1816 האט זיך די פאמיליע איבער געצויגען אין דרום זייט פון שטאט אינדיאני.

שווער איז געוועזן דאס לעבען פון די ערשטע אמעריקאנישע איינוואהנער „פיאנערען". אין וויטען מערב, דורך אוראלטע, נישט אויסגעפארשטע וואלדער, האט זיך געשלעפט א קליינער קאראוואן, א פאמיליע מיט קינדער, מיט פיה אונ א ביסעל הויזגעשיר. דא האט מען זיך צו א נייעם לעבען גענומען, דעם אוראלטען

וואַלד געהאַקט, דער נאָך דעם באָדען גערייניגט, ער זאָל טויגען אַלס צום בעאַרבייטען; דער נאָך ערשט האָבען זיך געוויזען די ערשטע געצעלטען, „ וואָס זענען געשטאַנען צערוואָרפען איינס פון אַנדערען. שווער אונ ביטער איז געווען די אונאויפהעריגע שווערע אַרבייט אין דער ווייטען פון קרובים אונ בעקאַנטע אין אונ־אויפהעריג איז געווען דער קאַמפף, וואָס די „פּיאָנערען" האָבען געקאָמפט מיט'ן הונגער, נויט אונ נאָך אַנדערע שטאָרונגען.

באַלד נאָך טאָמאַס קומען קיין אינדיאַני האָט ער זיך אויפ־געשטעלט אַ „שאַלאַש". דאָס איז געווען אַ געצעלט, וואָס איז געווען מיט פלעקער צו געשלאָגען צו דער ערד, אָהן אַ פּאָדלאָגע, מיט 3 וואָנד — די פאָדערשטע איז אָפען געווען. אין דעם „אָפענעם געצעלט" האָט די פאַמיליע לינקאָלן אַגאַנץ יאָהר דורך געלעבט, ביז זיי האָבען זיך ערוואָרבען עטוואַס אַ זיבערען אונ פעסטערען געצעלט, וואָס האָט זיך גערופען „לאָג־הויז". נור אויך דער „לאָג־הויז", אָבוואָהל ער איז געווען וואַרמער אונ דוירהאַפטיגער פון ערשטען, איז פון דעסטוועגען נאָך ערגער געווען פון אָרימסטען שטיבעל אויפ'ן דאָרף. ער איז בעשטאַנען אין גאַנצען פון איין שטיבעל אָהן פּאָדלאָגע אונ פון אַ בוידעם. דאָס מעבעל איז בעשטאַנען פון עטליכע בענק אונ אַ בעט, צו זאַמען געשלאָגען פון גראָבע אונגעהעבעלטע בראָטער, מיט בלאָטער אָנגעטאָן שטרוי. די קינדער זענען אויף דער פּאָדלאָגע געשלאָפען, געציטערט פאַר קעלט אין די קאַלטע ווינטער נאַכט, אונ ציטטערענד צו געקראָכען צו'ם בעט דערוואַרמען זיך. דאָס יונגע קינד, אַבראַאַם, האָט געטריי געהאָלפען זיין פאָטער ביי דער אַרבייט אַ„לאָג־הויז" אויפצושטעלען אונ דער נאָך ביים אויסרייניגען דעם וואַלד אַרום. אונ די אַרבייט איז נישט לייכט געווען: מען האָט געבריכט אונגעהייער גרויסע ביימער אַנידער צולעגען, דער נאָך די שטאַמען (פּיעניעס) מיט די וואורצלען אויסגראָבען, די האַרטע ערד איבערוואַרפען, דערנאָך ערשט איבער אַקקערען צו'ם זייען. אונ אַבראַאַם איז אַ געשיקקטער יונג געווען, צו אַללעם געטויגט, איינמאַל האָט

ער זיינע עלטערען זעהר פערוואונדערט: ער האָט אהיים געבראַכט אַ דערשאָסענען אינדעק, וועלכען ער האָט מיט שטאָלץ זיין מוטטער געשענקט. ער האָט שווער געאַרבייט מיט דער האַק, גוט געוואוסט ווי מיט אַ ביקס זיך צו לענקען, און בייַ דעם אַלעם, ווי פערהאָרעוועט ער איז נישט געוועזען, האָט ער אַלץ געשטרעבט צו לעהרע, צו וויסען. יעדע פרייע מינוט האָט ער בענוצט אויסצואיבען זיך אין דעם, וואָס ער האָט אין די קענטוקער שולען געלערנט, און נישט זעהר פיעל האָט ער זיך דאָרט אויסגעלערנט — קוים שלאַבאָזירען און עטוואָס שרייבען. אָפט איז ער בייַנאַכט פאַר דעם ברענעדיגען פייער געשטאַנען מיט אַ דיק אָבגעהיעבעלטען ברעט אין דער האַנד און מיט איין אָבגעברענט שטאָקעלע האָט ער אויף דעם ברעט פערשיעדענע אותיות געצייכענט. די ביבליאָטעק פון דער פאַמיליע איז בעשטאַנען אין גאַנצען פון 3 ביכער: די ביבעל, אַ קאַטעכיזם און איין אַ. ב. די צוויי לעצטע ביכער און אויך פיעל קאַפיטעל פון דער ביבעל האָט ער אויסענווענדיג געקאָנט, און עפּיס נייעס און וויכטיגעס צו לעזען האָט ער נישט געהאַט.

אזוי איז אַוועק 3 יאָהר. אין די 3 יאָהר זענען צו דער פאַמיליע לינקאָלן אין אינדיאַני צו געקומען נייע עמיגראַנטען: דער פעטער און די מומע (טאַנטע) פון טאָמאַס לינקאָלן'ס ווייב, זיי האָבען זיך גערופען ספּאַראָ, מיט אַ פלעמעניק דענים הענקס, וואָס איז אין איין אָלטער מיט אבראַאם'ן געוועזען. אַבראַאם איז דערפרייט געוואָרען מיט זיין נייעם חבר, די קינדער האָבען זיך זעהר ליעב געהאַט, און זענען פערבליעבען אויפ'ן גאַנצען לעבען גוטע פריינד, חאָטש זיי האָבען פערשיעדענע כאַראַקטערען געהאַט.

אין דער זעלבער צייט האָט אַ שווער אונגליק געטראָפען לינקאָלנ'ן: אין מערב־אַמעריקע איז דעמאַלס אומגעגאַנגען אַ שווערע עפּידעמיא „דאָס מילך פיבער“, אַבראַאַע'ס אָלטערען זיינען באַלד אויף איהר קראַנק געוואָרען, דער פאָטער האָט איבער געטראָגען די קראַנק, די שוואַכע מוטער אָבער איז, אין עטליכע טאָג נאָך איהר קראַנק ווערען, געשטאָרבען און איבער

געלאָזט 2 יתומים, אַבראַאַמען און זיין שוועסטער.

א יאָהר האָט טאָמאַס אָהן אַהויזווירטען געלעבט, דער נאָך האָט ער זיך בעשלאָסען אַ נייע פֿרוי צו נעמען. דער צו איז ער קיין קענטוקי געפֿאהרען און דאָרט געהייראַטעט מיט איין אלמנה (ווידווע) סאַלי דזאָנסטאָן, וועלכע האָט דריי קינדער — אַ זוהן און צוויי טאָכטער — פֿון ערשטען מאַן געהאַט, און מיט דער נייע פֿרוי אין קינדער איז ער קיין אינדיאַני צוריק געקומען.

דורך דער צייט, וואָס טאָמאַס איז געווען אין קענטוקי, איז אַבראַאַם זעהר אונמוטהיג געווען; דאָס ערשטע אונגליק, זיין מוטטער'ס טוידט, האָט איין אונגעהייערען איינדרוק אויף איהם געמאַכט, און עד האָט זיך דערפֿרייט, ווען זיין פֿאָטער איז אַהיים געקומען. דערצו איז די נייע שטיפֿמוטטער געווען אַ גוטע, ליעבליכע און עטוואָס אַ געבילדעטע פֿרוי, און האָט ווירקליך געשטרעבט פֿאַר די יתומים אַ מוטטער צו זיין. עס איז נישט קיין וואונדער, אַז אונזער אַבראַאַם האָט זי באַלד זעהר ליעב געקריעגען, דערצו נאָך האָט די שטיפֿמוטטער בעמערקט אַבראַאַמ'ס פֿאָהיגקייטען און אויף איהם מעהר אַכטונג געגעבען, ווי אויף די איבריגע קינדער.

די לאַגע פֿון דער פֿאַמיליע האָט זיך פֿיעל פֿערבעסערט: די נייע גוטע פֿרוי האָט חוץ איהר גוט הארץ נאָך עטוואָס געלד אין דער פֿאַמיליע אַריין געבראַכט. מען האָט אָנגעהויבען בעקוועמער צו לעבען, אין הויז האָט זיך געוויזען עפּעס מעבעל, די קינדער האָט מען אָרענטליכער און אַרטיגער געקליידעט א. ז. וו. „אין אַ פֿערלויף פֿון אייניגע וואָכען — דענים העגקס פֿערצעהילט, — האָט זיך אַלס געאָנדערט, וואו ביז אַהער איז געווען אונמוטהיג און לעער, איז יעצט פֿריילִיך און בעקוועם געוואָרען. זי איז געווען איין ענערגישע פֿרוי מיט אַ געזונדען פֿערשטאַנד, אַ גוטע ווירטין, זעהר אַ קוראַט געווען און גום געוואוסט, ווי אומצוגעהן דך מיט קינדער. אַבראַאַם איז באַלד אויפ'ס נייע בעקליידעט געוואָרען, און ער איז גאָר ווי איין אַנדערער געוואָרען, — אַלע קינדער פֿון דער פֿאַמיליע האָבען זיך געליעבט און געלעבט צווישען זיך בשלום, ווי זיי

וואָלטען קינדער פֿון איין מאַמע־טאַטע געווען.

נור נישט בלויז אין הויזווירטשאַפֿט און לעבענסאָרדנונג האָט די נייע פֿרוי אַזאַ גוטע ווירקונג געהאַט: זי האָט זיך אויך זעהר שטאַרק פֿעראינטערעסירט מיט אבראַהאַמען און האָט איהם געגעבען די הילף, וואָס ער האָט דעמאָלס געדאַרפֿט. (אַבראַהאַם איז צו איהר פֿערבונדען געווען מיט אַ טרייע ליעבע און אויך דער נאָך, ביז צו איהר טויט, האָט ער זי זעהר געליעבט און געאַכט). אַלער ערשטענס האָט ער געהאַט עפּעס נייעס צו לעזען: צו דער הויז ביבליאָטעק, וואָס איז ביז אַהער בעשטאַנען פֿון 3 ביכער, איז יעצט צוגעקומען נאָך עטליכע, ווי „די רייזע פֿון אַ קריסט" בעניאַן'ס, „עזאָפּ'ס פֿאַבעלען", פֿון וועלכע אַבראַהאַם האָט נאָר געקוואָלען. די גוטע פֿרוי האָט איהם געענטפֿערט אויף די פֿראַגען, וואָס אַבראַהאַם פֿלעגט פֿראָגען ביי יעדער געלעגענהייט און איהם געדיענט מיט וואָס נור זי האָט געקאָנט. פֿון איהר אויך האָט אַבראַהאַם זיך אָבגעלערנט גוטהאַרציקייט און עֲנָוָה, מיט וועלכער ער האָט זיך דער נאָך אין זיין לעבען אויס־געצייכענט.

אויך אין אינדיאַני האָט אַבראַהאַם אַ שולע בעזוכט, נור אויך דאָ, צו'ם אומגליק, אין גאַנצען עטליכע וואָכען. די נייע עמיגראַנטען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין דעם געגענד, האָבען אפילו שוין אַ הילצערען הייזעל אויפגעבויעט פֿאַר אַ שולע. אַבראַהאַם האָט די שולע בעזוכט און גרויסע פֿאָרשריט געמאַכט אין רעכנען און שרייבען, נור דורך עפּיס אַ צופֿאַל איז די שולע פֿערמאַכט געוואָרען, און אַבראַהאַם האָט זיך געמוזט ווענדען צו זיין אייגענע ענערגיע און צו דער הילף פֿון זיין שטיפֿמוטער, אום עפּיס וויסענשאַפֿט צו ערווערבען. ערשט אין פֿיער יאָהר אַרום איז ער ווידער אין אַ שולע אַנגעקומען, וואָס איז געווען אין דעם זעלבען הייזעל, און כאָטש ער האָט אויך דאָס מאָל נישט לאַנג דאָרט געווילט, דאָך האָט די שולע אין דעם לעצטען מאָל אַ גרעססערען איינפֿלוס אויף איהם געהאַט. דאָ האָט ער צו'ם ערשטען מאָל עטליכע ניטצליכע וויסענשאַפֿטליכע ידיעות ערוואָרבען, און דער לעהרער, וואָס האָט בעמערקט

זיינע פאהיגקייטען, האט נישט איינמאל געזאגט, אז ער איז זיכער, אז אבראאם וועט א גרויסער מאן זיין. לאבערליך איז די שולע געוועזען דערמיט, וואס אין איהר האבען זיך די קינדער פון די גראבע עמיגראנטען געלערנט מאנערען, ווי זיך אויפצופיהרען אין געזעלשאפט פון מענשען, דערצו האט מען זיי געאיבט אויפשטעלען זיך אונ נייגען זיך לויט דער שטרענגסטער עטיקעט. אין דער זעלבער שולע האט אבראאם אויך אנגעהויבען זיינע ליטערארישע פאהיגקייטען צו פרובען אונ האט אויף זיך אויפמערקזאם געמאכט דען לעהרער מיט איין קליינעם ארטיקעל וועגען „צער בעלי חיים”. דאס געפיהל פון מיטלייד צו די אונבעהאלפענע בעשאפנעשען האט זיך אין אבראאם'ן זעהר פריה בעמערקט, אונ ער פלעגט אפט שטראפען זיינע חברים, ווען זיי פלעגען מאטערען א לעבענדיג בעשאפניש, אונ אויך אבוועהרען דאס שוואכע בעשאפניש, אז ער האט נור געקאנט.

מיר זעהען אלזא, אז דאס בעזוכען די שולען האט אבראאמען נישט זעהר פיעל געקאנט געבען, די שולען האט ער בעזוכט נישט דורך איינאנדער אונ אלס צו זאמען נישט מעהר ווי א יאהר־צוויי, אונ דאך האט ער פיעל געלערנט לויט זיין אלטער, ווייל ער האט קיין איינציגען צופאל נישט דורך געלאזט, אז ער האט נור געקאנט עפיס לערנען, עפיס נייעס געוואהר צו ווערען.

עס וועט דא נישט איבריג זיין צו דערציילען איין עפיזאד פון זיין יוגענד, וועלכער ווערט דערמאנט אין פיעל ביכלעך פאר קינדער. א מאל איז אבראאם געוואהר געווארען פון זיינעם א חבר, אז ביי זייערם א שכן, מיסטער קראפארד, געפינט זיך א בוך מיט דעם נאמען, דאס לעבען „דזשארדזש וואשינגטאנ'ס”. מיט א ציטטעריג הארץ איז ער אהין געגאנגען אין דעם „לאג-הויז”, וואו דאס טהייערע ביכעל האט זיך געפונען, אונ געבעטען, מען זאל עס איהם בארגען אויף עטליכע טאג. מען קאן זיך פארשטעלען ווי פעראינטערעס'ערט עס האט דעם יונגעל די ביאגראפיע פון דעם בעקאנטען פאלקס־העלד, וואס האט געגרינדעט די אמעריקאנישע רעפובליק. ער האט דאס

ביכעל געלעזען מיט גרויס חשק, געשלונגען יעדעס ווארט, און געוואונדערט זיך צו דער מוטטער מיט פראגען, וואו ער האט נישט פערשטאנען. נור גאר אונגעריכט האט זיך איין אונגליק געטראפען: פאר נאכט אמאל האט ער דאס ביכעל אויף א זיכערען ארט בעהאלטען, ביינאכט איז א שטארקער רעגען געגאנגען, דאס ביכעל איז געווארען דורך גענאצט און פער־דארבען, ער האט נעביך נישט געוואוסט וואס צו טהון, ווי אזוי ווייזט מען זיך דעם קראפארד'ן אין די אויגען מיט דעם פערדארבענעם בוך? בעצאהלען ווידער האט ער קיין געלד נישט געהאט. לאנג האט ער איין עצה געזוכט און בעשלאסען זיך — אט אויף וואס: ער איז געגאנגען צו קראפארד'ן, ער האט דאס בוך געוויזען, און פארגעלייגט אבצואַרבייטען ביי איהם, ווי לאנג קראפארד פערלאנגט. קארפארד האט איינ־געווילוגט און אבראאם האט ביי איהם 3 טאג אין דער קאקוריזע־פעלד געארבייט; דער פאר אבער האט דאס בוך שוין איהם געהערט. מען פערציהלט, אז פאר די ארענטליכע אויפפיהרונג האבען אלע שכנים אבראאמ'ען געליבט און געאכטעט.

צווייטער קאפיטעל.

דער יונגער ארבייטער.

אבראאם האט זיך אויסגעצייכענט מיט א שטארקער געדעכטניסקראפט (כח הזכרון) און פלעגט פערווילען זיינע שכנים מיט ערצעהלונגען פון די ביכער, וואס ער האט דורך געלעזען; אז ער פלעגט צוריק קומען פון א רעליגעזער אדער פאליטישער פערזאמלונג (מיטינג), פלעגט ער זיך שטעלען אויף א קלאץ פון איין אויסגעהאקטען בוים, און פון דארט ווייע האלטען פאר איניגע מענשען די רעדען, וואס ער האט געהערט.

מהיילמאָל פלעגט ער אַזוי פּראָדיגען אין פעלד אין דער שניט־
צייט, אונ ער האָט זיך שוין דעמאָלס אויסגעצייכענט מיט זיין
טאַלאַנט אלס רעדנער. די אַלטע, וואָס האָבען איהם געקאַנט
אין יענער צייט, האָבען פערצעהלט, אַז ער האָט געהאַט
אַ נאַטירליכע אונאיינגעהאַלטענע שטרעבונג צו רעדען פאַר
אַ פובליקום. אויך אין זיינע דעמאָלדיגע רעדען האָט ער ליעב
געהאַט צו דערצייהלען אַנעקדאָטען, אונ זיין הומאָר אונ גוט־
האַרציגקייט האָבען איהם ליעבע פערשאַפט ביי אַללע זיינע
בעקאַנטע. דענים הענקס, לינקאָלן'ס יוגענד פריינד בעשרייבט
מיט פאָלגענדע וואָרטער יענע צייט: „מיר פלעגען אַלס, וואָס
אַרום אונז האָט זיך געטוהן, אויפהאַפּען מיט'ן בליק מיט'ן
אויער, אַלעס פלעגען מיר דערשמעקען. מיר האָבען אַלס אויס־
געהערט, וואָס מען האָט גערעדט וועגען אַלגעמיינע פראַגען,
אונ יעדע פראַגע אַזוי לאַנג דורך געשמועס'ט, ביז וואַנן עס
איז נאָך געווען וועגען איהר אַ וואָרט צו רעדען. מיר זענען
געגאַנגען אויף פאָליטישע אונ אַנדערע מיטינגען (פער־
זאַמלונגען) אויסגעהערט פערשידענע מיינונגען וועגען יעדער
זאַך, אונ אַליין צווישען זיך געאורטהיילט אונ געשפּאַרט זיך. ער
(לינקאָלן) האָט רעדען געהאַלטען, פאָרגעלעזען, פערשטעהן
געגעבען א. ז. וו.... אַ יונגעל איז ער געווען אַ פריילַכער,
אַ לעבהאַפטיגער; איהם האָט קיינמאָל קיין הומאָר נישט
געפעהלט, אונ זעלטען ווען ער האָט געזאָלט זיין אונמוטהיג.
אין שטאָרטעל דזשענטריוויל, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ מייל
פון זיין פאָטערס פערמע, פלעגט ער אויך פערווילען דאָס פאָלק
מיט זיינע לאָכערליכע מעשות. אַרום איהם האָט זיך פער־
זאַמעלט אַ מענגע פאָלק, ביז האַלבער נאַכט פלעגט ער אַזוי
רעדען, דערנאָך ערשט איז ער אַהיים געגאַנגען.

אויף'ן זעבצעהנטען יאָהר איז אַבראַאַם שוין אַ פערטיגער
מענש געווען, ער האָט אין די זעלבע צייט שוין ערדייכט זיין
פאָלשטאָנדיגען וואוקס 6 פוט אונ 4 דיום, אונ ער האָט זיך אויך
אויסגעצייכענט מיט זיין פיזישער קראַפט אונ מיט זיין פאָהיג־
קייט צו יעדער אַרבייט. אין דער היים האָט ער זיין פאָטער

געהאָלפען ביי דער אַרבייט אין זיין פערמע, וואָס האָט זיך דעמאָלס שוין פיעל ענטוויקעלט, אַבראַאַמ׳ס פאָטער איז דעמאָלס געווען נישט קיין אָרעמער קאָנאָניסט. די רעשט צייט, וואָס איז אַבראַאַמ׳ן איבער געבליבען נאָך דער אַרבייט אין דער היים, האָט ער געאַרבייט ביי אַנדערע פאַר טאָג-לאָהן, און דאָס פערדיענסט — אַהיים געברענגט. די שכנים האָבען זיך וועגען איהם געריסען — אַבראַאַמ׳ן האָט יעדער געוואָלט אַרבייט געבען און ער, אַבראַאַם, האָט זיך פון קיין אַרבייט נישט אָבגעזאָגט. — „האָלץ האַקען, באַקען, אַכטונג געבען אויף אַ קינד" — און אויסער דעם, וואָס אַבראַאַם האָט אַלס גוט און פינקטליך געטוהן, האָבען זיך זיינע אַרבייטגעבער נישט געקאָנט זאַט אָנקוקען אויף איהם, עפּיס איז מיט איהם זייער היימליך און לוסטיג געווען. אין יאָהר 1825 האָט ער זיך פערדונגען צו איין געוויסען דושעמס טיילאָר פאַר 6 דאָלאַר אַ מאָנאַט און קעסט. געאַרבייט האָט ער פערשיעדענעס.. אייגענטליך האָט ער זיך פערדונגען אַלס פאַראָם פיהרער איבערצופיהרען איבער דעם טייך אָריאָ, נור אַרויס געקומען איז דערויף, אַז ער האָט אַלס געטהון, געאַקקערט די ערד, געדראָשען קוקרוזאָ, געהייצט דעם אויבען, און נישט זעלטען אויך געקאָכט. אַבראַאַם האָט זיך אויסער זיינע גוטע פאָהיגקייטען און פהיזישע קראַפט, נאָך מיט איין זאַך אויסגעצייכענט: ער האָט קיין בראָנפען נישט געטרונקען, טראָטץ דעם וואָס דאָס יונגוואַרג האָט דעמאָלס אין יענעם געגענד זעהר געשפּורט.

ביי זיין ווירטה, טיילאָר, האָט אַבראַאַם עטליכע נוטצליכע ביכער ווי „די היסטאָריע פון די פעראייניגטע שטאַאַטען" און אַנדערע, געפונען, און אַבראַאַם, פערשטעהט זיך, האָט זיי געלעזען מיט גרויס פערגעניגען, טראָטץ דעם וואָס ער האָט געברויכט זעהר פריה צו דער אַרבייט צו שטעהען, האָט ער געלעזען ביז זעהר שפּעט אין דער נאַכט. טיילאָר׳ס זוהן, וואָס איז מיט אַבראַאַמ׳ן אין איין צימער געשלאָפען, האָט איהם דערביי זעהר געשטערט. עס איז געגאַנגען דערויף, וואָס טיילאָר האָט נישט געקאָנט איינשלאָפען ביי דער ליכט, אמאָל האָט ער

זיך אָנגעבייזערט אויף אַבראַאמ'ן ווייל ער האָט נישט געוואָלט דאָס ליכט פערלעשען, אונ האָט איהם איבער'ן באַק געגעבען. נור אַבראַאם האָט זיך דאָס מאָל אָבגעווישט, אונ ווי קיינמאָל גאָר נישט האָט ער זיך ווייטער רוהיג געלעזען.

נאָך דעם ווי ער איז פון טיילאָר אַוועק געגאַנגען, איז אַבראַאם אַ קורצע צייט אין דער היים געוועזען אונ דער נאָך האָט ער זיך פערדונגען אין שטאָדטעל דזשענטריוויל אַלס פריקאַשציק אין געוועלב פון איין געוויסען דזשאָנס. דער נייערווירטה האָט אויף איהם זעהר אַ גוטע ווירקונג געהאַט. ער איז געוועזען עטוואָס אַ געבילדעטער אונ האָט זיך זעהר אינטע־רעסירט מיט פאָליטישע פראַגען. אין זיין געוועלב פלעגען זיך אָפט צוזאמען קומען די געבילדעטע מענשען פון שטאָדטעל. דאָס געוועלב האָט געדיענט פאַר איין אַרט קלוב, אונ אַבראַאם האָט זיך זעהר ערנסט איינגעהאָרט ביי זיי, מיט וואָס די האָבערע וועלט אינטערעסירט זיך. דער ביי איז דזשאָנס געוועזען איין אָרענטליכער מאַן, ער האָט באַלד בעמערקט אַבראַאמ'ס פאָהיג־קייטען אונ געשטיצט איהם מיט אַלע מעגליכקייטען, ער האָט זאָגאַר אַבראַאמ'ן אַליין געזאָגט, אַז ער וועט אַ „גרויסער מענש“ זיין. דער גוטער ווירטה האָט איהם אויך פערשאַפט ביכער צו לעזען, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען פראַנקלינ'ס ביאָגראַפיע אונ אַנדערע גרויסע לייט פון אַמעריקע. ער האָט אויך אַ צייטונג אויסגעשריבען. ער טאַקי האָט דער ערשטער אַבראַאמ'ן מיט געזעלשאַפטליכע פראַגען פעראינטערעסירט.

אין דזשענטריוויל האָט זיך אַבראַאם אויך בעקענט מיט אַ שמיעד דזשאָן באָלדווין, וועלכער האָט געוואוסט אונ פלעגט אָפט פערצעהלען פערשידענע פאָלקס אַנעקדאָטען אונ וויטצען. מען רעכענט אַז פון דער קוואַל טאַקי האָט אַבראַאם געשעפט די פאָלקס זאַגען אונ וויטצען, דעם פאָלקס הומאָר, מיט וועלכען עס האָבען זיך דערנאָך אויסגעצייכענט זיינע רעדען.

אין יאָהר 1827, ווען ער איז שוין פון דזשאָנס אַוועק געגאַנגען אונ געאַרבייט ביי דעם טישלער וואוד, איז געדרוקט

געוואָרען אין דער שטאָדישער צייטונג זיינע ערשטע ליטעראַרישע צוויי אַרטיקלען, איין אַרטיקעל וועגען שכרות, דער אַנדערער וועגען עפּיס אַ פּאָליטישער פראַגע. מען פערצעהלט, אַז די ערשטע אַרטיקלען זענען זעהר גוט געווען אָנגעשריבען.

אַבראַאַם האָט זיך דורך דער צייט זעהר ענטוויקעלט, זיין וועלטאַנשויאונג איז געוואָרען ברייטער און קלאָרער: ער האָט שוין פיעל ביכער דורך געלעזען, מיט פערשידענע געבילדעטע מענשען געלעבט, אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק — און לעבען ווייטער ביי'ם פאָטער אין דער איינפאַכער פויערישער לאַגע איז פאַר איהם אונמאָגליך געוואָרען.

איהם האָט געצויגען אין דער ווייטער ברייטער וועלט אַריין. פערזוכען דאָס לעבען אין איהר פערשידענע אַרטיגקייט, דערצו האָט ער אַזאַ פּלאַן אויפגעגעבען: ער האָט זיין פאָטער פאָרגעלעגט אויפצובויען איין אַרט שיף (feat-boat), און לאָזען זי אויף דער אָגיאָ (אַ טייך אין יענעם געגענד) מיט פערשידענע פּראָדוקטען אויף איינעם פון די נאָהנטע מאָרק. ווי אַזוי האָט דער פאָטער צו גענומען זיין פאָרשלאַג, ווייסען מיר נישט. עס איז נור בעוואוסט, אַז אין אַ צייט אַרום איז די שיף אויפגעבויעט געוואָרען, און אַבראַאַם האָט זיין ערשטער רייזע מיט איהר געמאַכט.

לינקאָלן דערנאָך, אַלס פּרעזידענט, פלעגט אָפט דער־צעהלען איין עפּיזאָד פון יענער צייט, וועלכער האָט אויף איהם אַ שטאַרקע ווירקונג געהאַט: ווען זיין שיפעל איז שוין געווען פערטיג, איז ער אַ מאָל געשטאַנען ביי'ם ברעג, און בעטראַכט דאָס ווערק, וואָס איז אויפגעשטאַנען לויט זיין פּלאַן, דערביי זענען אָנגעקומען צוויי רייכע לייט און האָבען איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל זיי אַריבער שיפען מיט באַגאַזש צו דער דאַמפשיף, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען וואַסער. ער האָט זיי צוגעפיהרט און ער איז זעהר איבעראַשט געוואָרען, ווען ער האָט פון די צוויי פּאַסאַזשירען אַ גאַנצען דאָלאַר בעקומען. איהם איז ביז אַהער אין זינן נישט געקומען, אַז ער זאָל קאָנען פערדיענען אַ גאַנצען דאָלאַר און דערביי נישט אַ גאַנצען טאָג

שווער אַרבייטען, אונ דערצו נאָך איז דער דאָלאַר געווען די ערשטע געלד וואָס האָט איהם געהערט, ביז אַהער האָט ער זיין גאַנץ פערדינסט זיין פאָטער אָבגעגעבען.

אַבראַאם האָט זיין ערשטע רייזע גליקליך אויסגעפיהרט, אונ ער איז בעריהמט געוואָרען אלס אַ טויגליכער, געשיקטער מענש. פון איהם איז געוואָר געוואָרען אַ געוויסער רייכער מאַן דזשענטרי אין דער שטאָדט, וואָס ווערט אויף זיין נאָמען אָנגערופען, אונ ער האָט אַבראַאם'ן פאָרגעלעגט אָבצופיהרען אַ גרויסע באַרקע מיט פערשיעדענע פראָדוקטען קיין ניי-אָרלעאַן, צוזאַמען מיט דעם רייכען זוהן. דאָס איז געווען זעהר אַ שווערע אונ אַ געפעהרליכע רייזע, אונגעפעהר 2400 וויאָרסט מיט דעם טייך צו רייזען, צו וועלכער נור פאָהיגע אונ אונפאָרכטבאַרע מענשען האָבען זיך געקאָנט נעמען. די גרויסע באַרקע איז געהען זעהר שווער צו ריכטען, פיעל מאָל אויך געגען ווינד. קיין קאַיוטע איז נישט געווען, פייער מאַכען איז אויך אונמאָגליך געווען, אונ נור די קאָלדרע האָט זיי געקאָנט עטוואָס בעשיצען פון קעלט אונ געוויטטער. אונ דאָך האָבען זיי די רייזע גליקליך דורך געמאַכט. אַבראַאם'ן איז געבליעבען אַ פלעק אויף דעם געזיכט פון וואונד, וועלכע ער האָט בעקומען ביי דער רייזע, שלאָגענדיג זיך מיט די נעגרען, וואָס זענען אויף זיי אָנגעפאַלען אַ מאָל ביינאַכט אום צו בערויבען די סחורה, נור אַבראַאם מיט זיין קאַמעראַד האָבען זיך מוטהיג אָבגעוועהרט אונ אַלץ גערעטעט.

דריטטעם קאַפיטעל:

אין יאָהר 1830 האָט דער אַלטער לינקאָלן פערלאָזט אינדיאַני, פערקויפט זיין פערמא מיט די סטאַדעס שוויינען אונ אָבגערייזט צו מערב צו אויף אַ שטרעקע פון 300 וויאָרסט,

געקויפֿט 15 אַקער ערד נישט ווייט פֿון דער שטאָדט דעקייטור אין שטאַאַט איללינאָיס אונ זיך דאָרט בעזעצט. צווישען אַנדערע אורזאַכען, וואָס האָבען איהם געצווינגען פֿערלאָזען אינדיאַני, איז אויך געווען דער שלעכטער קלימאַט פֿון דעם שטאַאַט. אונ אַבראַאם, טראָטץ זיין פֿערלאַנג צו אַרבייטען אונ צו לעבען אויף אייגענעם רעכנונג, האָט זיך געמוזט צו זיין פֿאָטער צוריקקעהרען, אום צו העלפֿען איהם ביי דער אַיינריכטונג פֿון דער נייע פֿערמע. באַלד האָט מען אויפֿגעשטעלט אַ נייע „לאָג־הויז", אַ גראָסערער אונ בעקוועמער, אַלס יענע; אין וועלכע זיי האָבען אין אינדיאַני געוואָהנט, מיט צו געבויטע שטעלער פֿאַר פֿערד אונ קיה. אין פֿערלויף פֿון עטליכע וואָכען, איז די געקויפֿטע ערד שוין געווען אַרום געצוימט מיט אַ פֿאַרקאַן, איבער געאַקערט אונ פֿערזייעט מיט קוקעריזע. דאָס אַלץ האָט אַבראַאם מיט זיין פֿעטער הענקס, וועלכער האָט דאָרט געוואָהנט אין גאָר אַקורצע צייט געמאַכט. אַ היבשע צייט דערנאָך האָט אַלץ אַבראַאם געלעבט ביי זיין פֿאָטער, געאַרבייט אונ פֿערדיענט ביי די שכנים, וואָס האָבען איהם אויך דאָ ליעב געהאַט פֿאַר זיין געשיקטקייט אונ הייטערקייט, חאָטש ער איז אין גאַנצען נישט שאָן געווען אונ געגאַנגען אָרום געקליידעט, לעזען האָט ער ווידער ווייניג צייט געהאט, אונ דאָך האָט ער אין זיינע פֿרייע צייט נישט לעדיג געגאַנגען אונ זיך געלערנט; די אַרבייט איז געווען שווער, פֿערלאָזען זיין פֿאָטער האָט ער נישט געקאָנט, דער אַלטער לינקאָלן האָט זיך אין איהם זעהר גע־באָטהיגט, איבערהויפּט אין אייניגע מאָנאַטען אַרום, ווען דער אַלטער האָט אויך די נייע פֿערמע פֿערקויפֿט, איבער דער עפּידעמיע, וואָס איז אין דעם געגענד אום געגאַנגען, אונ וויטער זיך איבער געצויגען צו מזרח אויף 100 וויאָרסט פֿון דער נייע פֿערמע אונ האָט זיך שוין בעזעצט אין בעצירק קאָלס אין דעם זעלבען שטאַאַט איללינאָיס.

אין ווינטער פֿון דעם זעלבען יאָהר 1830 האָט זיך אַבראַאם'ן וויטער געטראָפֿען אַרייזע צו מאַכען אונ זיך מעהר בעקענען מיט דער גרויסער וועלט. אַ געוויסער קויפֿמאַן פֿון דער שטאָדט ניו־סאַלעמאַ מיט דעם נאָמען אָפֿפֿיאָט, האָט פֿאָרגעלעהגט

לינקאָלן'ס פעטטער הענקסען, אָבצופיהרען מיט'ן וואַססער אַ טראַנספּאָרט קוקוריזע און שווײנען פלייש קיין ניי אָרלעאַן. הענקס האָט אײנגעוויליגט נור אויף דעם פאַל, אַז אַבראַאם זאָל אויך מיטפאָהרען. אַבראַאם איז אין דער זאַך שוין געוועזן געניט, די סחורה איז גליקליך געוואָרען אָבגעשטעלט און פערקויפט אין נייע אָרלעאַן, און צוריק אַהיים איז אַבראַאם שוין געקומען אויף אַ דאַמפּף=שיעף.

די צייט, וואָס לינקאָלן איז געוועזן אין ניי=אָרלעאַן, האָט איין צופאַל אין זיין גייסט אַ שטאַרקען אײנדרוק אויף זיין גאַנצען לעבען איבער געלאָזט: דאָ האָט ער דען ערשטען אײנדרוק בעקומען וועגען שקלאַווערײ: אין דער גאַס האָט ער דאָ געזעהן פיהרען צו'ם פערקויפען אַ פּאַרטיע שקלאַווען, מיט פערוואונדערטע אויגען האָט ער דאָ געקוקט, ווי מען האָט די אונבעהאָלפענע שקלאַווען געשלאָגען און געמאַטערט, און די סצענע האָט זיך טיעף אײנגעשנידטען אין זיין מח אויף'ן גאַנצען לעבען. דערנאָך, ווען לינקאָלן איז שוין פּרעזידענט געוועזן, און ער איז געוועזן דער אַנפיהרער פון אַלע קאָמפּפער געגען דער שקלאַווערײ, פלעגט ער פערצעהלען, אַז זיין אײפערקייט און איבערגעבענהייט דער שטרייט געגען דער שקלאַווערײ, האָט ער צו פערדאַנקען נור דעם ערשטען אײנדרוק אין ניי=אָרלעאַן.

דעם קויפמאַן אָפפיאָט איז אַבראַאם זעהר געפאַלען, און באַלד נאָך דעם צוריקקומען פון ניי=אָרלעאַן, האָט ער אַבראַאם'ן איבערגעגעבען צו אַנפיהרען דעם מאַגאַזין סחורה, וואָס דער קויפמאַן האָט זיך געאָפענט אין ניו=סאַלעם. פאַר זיין אָבריזען נאָך ניו=סאַלעם, האָט אַבראַאם נאָך געהאַט אַ דועל מיט אַ בעוואוסטען שלעגער אין יענער צייט — ניגדאַם, וואָס האָט געהערט וועגען אַבראַאם'ס גבורה, און האָט זיך געוואָלט מיט איהם פּראָביערען, און אַבראַאם האָט איהם בעזיעגט און אויף דער ערד געלייגט צוויי מאָל. באַלד האָט אַבראַאם אָבגערייזט קיין ניו=סאַלעם, נור דאָ איז אויסגעקומען אַ צייט צו וואַרטען אויף

די סחורה, וואס אפפיאט האט נאך נישט געהאט איינגעשאפט, אונ אבראאם האט דער ווייל געארבייט אין דער אויסוואהלביורא אלס סעקרעטער. אין אויגוסט פון יאהר 1831 איז די סחורה אנגעקומען, אונטער וועלבע עס האט זיך געפונגען אלס, אין וואס די איינוואהנער האבען זיך אין יענער צייט דארט געגאטהיגט אונ אבראאם האט אנגעהויבען צו האנדלען אלס פארשטעהער פון אפפיאט'ן. ווי אומעטום איז ער דא זעהר געפאלען געווארען אונ באלד פיעל גוטע פריינד אונ שעטצער געקריגען. אין זיין געוועלב זענען זיך אפט קויפער צוזאמען געקומען אונ מיט פערגניגען אויסגעהערט זיינע געשפרעכען, אונ זיין ערענטליכקייט אונ איינפאכקייט האבען ווי א מאגנעט צו זיך צו געצויגען די אלע צוהערער. זיין פאפולאריטעט האט איהם אויך פיעל פיינד פערשאפט, וואס האבען איהם סקנא געווען. איינמאל, דערצעהלט מען איין אנעקדאט פון יענער צייט, ווען אין געוועלב האבען זיך געפונען עטליכע פרויען קויפערין, האט זיך דורך זיי דורך געדראנגט א דיקער מענש צו דעם בופעט אונ אהן שום אורזאכע אנגעהויבען צו שעלטען אונ צו זידלען אבראאם'ן. אבראאם האט איהם זעהר האפליך געבעטען, אז ער זאל אויפהערען אונ זאל שוינען דאמען-עהרע, נור דער מענש האט נאך מעהר ווי פריהער גענומען שעלטען אונ זידלען. אבראאם האט געווארט ביז די פרויען זענען ארויס פון געוועלב, דא האט ער גענומען דעם מענשען פאר'ן קאלנער ארויס געשליידערט פון געוועלב אויף דרויסען אונ פעסט געשלאגען אזוי לאנג, ביז דער מענש האט זיך ביי איהם געבעטען, אז ער זאל אויף איהם שוין רחמנות האבען, דעמאלס האט אבראאם איהם צוריק געפיהרט אין געוועלב אריין, געגעבען איהם זיך איינוואשען, אונ פון יענער צייט אן זענען זיי געבליבען גוטע פריינד.

אין יענער צייט האט געהערשט איין ניי-סאלעם, ווי אין אלע נייע שטאדט, וואס האבען זיך דעמאלס ערשט ענטוויקעלט, א באנדע סקאנדאליסטען, פון וועלכע די שטאדט מענשען האבען זעהל פיעל געליטען. יעדען, בעזאנדערס א נייעם איינוואהנער,

פלעגען זיי טשעפּען, בעליידיגען, אַרוים רופען אויף אַ דועל און צעביילען. דער עולם האָט פאַר זיי געציטערט, מען האָט מורא געהאַט מיט זיי זיך צו שטעלען, און גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט זיי געקענט אויסמיידען. אין אָנהייב האָבען זיי אַבראַאם'ן צו רוהה געלאָזט, נור דערנאָך האָבען זיי גענומען איהם דערעסען, און אַז אַבראַאם האָט זיי נישט געאָנפערט האָט איינער פון דער באַנדע אַבראַאם'ן אויף אַ דועל אויס־גערופען. נישט לאַנג האָבען זיי געקאָמפּט, אַבראַאם האָט באַלד דעם סקאַנדאַליסט מיט איין האַנד אין לופטען געהאַלטען. און דער זיעג האָט שטאַרק געווירקט, פאַר די סקאַנדאַליסטען האָט מען אויפגעהערט פחד האָבען, צו אַבראַאם'ן זענען צו געשטאַנען אַנדערע שטאָדט מענשען, און די באַנדע איז אין קורצען פערנאַנדערגעפאַלען.

דאָ, אין נייזאַלעם, האָט זיך אַבראַאם גייסטליך זעהר ענטוויקעלט, דאָ האָט זיך אין איהם צו'ם ערשטען אויפגעוועקט זיין עהרענליעבע, און אין זיין מח האָט זיך געפאָרמיערט אַ פאָרשטעלונג וועגען זיין צוקונפט — ער האָט זיך שוין האַלב בעוואוסט פאָרגעבריים צו אַ גרויסע קאַריערע. ער האָט אָפט בעזוכט די אָראַטאָרישע קלובען, גענומען איין אַנטהייל אין די דיספוטען; ער האָט אַ ציימונג אויסגעשריבען, האָטש ער האָט קיין איבריג געלד דאַרויף נישט געהאַט, און נישט זעהר פיין געקליידעט געגאַנגען. זיין פּאָפּולעריטעט איז גע־וואַקסען, אַלע האָבען איהם זעהר ליעב געקריעגען און ער האָט בעקומען דעם צונאָמען „דער אָרענטליכער עבא". מיט איהם האָט מען זיך גערעטהעט אין אַלעם, וואָס איז פאָרגעפאַלען, ער האָט פּשרות געמאַכט ביי יעדען קריעג, ער איז געוועזען דער פריעדען מאַכער און בעל־עצה אין דער שטאָדט.

אין איניגע מאָנאַטען אַרום האָט אָפּפיאַט עטליכע שלעכטע געשעפטען געמאַכט, און דאָס געוועלב איז פערמאַכט געוואָרען און אַבראַאם איז געבליעבען אָהן אַ שטעל און אָהן מיטעל צו'ם לעבען.

פערטעס קאפיטעל.

אין יענער צייט זענען די אינדיאַנער, די אוראַלטע בעוואָהנער פון אַמעריקע, נאָך נישט אין גאַנצען רוהיג געווען. אָפט זענען זיי נאָך בעפאַלען די דאָרפער פון די נייע ווייסע איינוואוהנער און אַ שרעקליכע פערוויסטונג נאָך זיך איבערגעלאָזט. אום זיך צו פערהיטען פאַר זיי, האָט יעדער שטאַאַט געהאַט זיין מיליטאָר, און ווען עס איז פאָרגעפאַלען עטוואָס וויכטיגעס, האָט מען ניי מיליטאָר געפאָדערט פון פרייוויליגע.

אין דעם שטאַאַט אילינאָיס האָט פון אוראַלטע צייטען געוואוהנט דער שטאַם (שבט) אָסאַג, וואָס איז זעהר אונרוהיג געווען און אָפט בעאונרוהיגט די ווייסע. נאָך דעם, ווי די ווייסע האָבען זיי עטליכע מאָל בעזיעגט, האָט מען צווישען זיך אַ פריעדען געשלאָסען, לויט וועלכען די רויטהויטיגע האָט געהערט דער מערבדגיער ברעג פון דעם טייך מיסיסיפי, דער זעלבער טייך האָט געדיענט אַלס גראָניץ צווישען די ווייסע און די רויטע. אַ לאַנגע צייט זענען זיי רוהיג געווען, נור ענדליך, נאָך דעם ווי די ווייסע האָבען געשטערט דעם טראַקטאַט, און האָבען זיך אריין געלאָזט אין די רויטע׳ס טהעריטאָריע, זענען די רויטע ווידער אונרוהיג געוואָרען. אַם אָנפאַנג האָבען זיי זיך געקלאָגט פאַר די רעגיערונג פון די פעראייניגט שטאַאַטען אויף די ווייסע, וואָס האַלטען נישט די בעדינגונגען פון פריעדען, נור דערנאָך, אַז זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז דאָס קלאָגען זיך קאָנן גאָר נים העלפען, האָבען זיך פערזאַמעלט עטליכע שטאַמען אונטער דעם אַנפיהרונג פון אַ געוויסען העלד, וועלכען מען האָט גערופען „דער שוואַרצער סאָקאָל״ און געגאַנגען אויף מלחמה אויף די ווייסע.

ביי נאַכט זענען זיי איבער געשוואומען אויף קליינע

לאַרקעס אויף דעם מזרח אופער פון מיססיסיפי, בעפאלען די דאָרפער, פערברענט די הייזער, אלע איינוואהנער געטוידט, די פיה מיט זיך מיט גענומען, אונ זיי זענען אזוי פלינק פער־שוואונדען פון דעם געגענד, אז מען האָט זיי נישט געקאָנט דעריאָגען.

באלד האָט דער גובערנאַטאָר פון איללינאָיס אַרויס געשיקט אַ מחנה רעגולאָר מיליטאָר, אונ ארויס געגעבען אַ פראָקלאָמאַציאַ אונ צוזאַמען גערופען פרייוויליגע. באלד זענען אויפערשטאַנען עטליכע פולקען, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ פולק פון די איינוואָהנער פון ניו־סאַלעם.

עס פערשטעהט זיך, אַז אַבראַאם, וואָס האָט דעמאָלס גאָר קיין בעשעפטיגונג נישט געהאַט, האָט זיך גלייך פערשריבען אין פולק, וואָס זיין שטאָדט האָט אַרויס געשיקט, אונ דערביי איז ער כמעט איינשטימיג אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר אַ קאַפּיטאַן פון אַרמע. דערנאָך פלעגט לינקאָלן אָפט זאָגען, אַז קיין פאָרשריט אין זיין לעבען האָט איהם נישט אזוי פיעל פערגעניגען פערשאַפט, ווי דאָס אויסוועהלונג איהם פאַר אַ קאַפּיטאַן. די מלחמה מיט'ן „שוואַרצען סאָקאָל" האָט זיך נישט אויסגעצייכענט מיט קיין נצחונות, דער אַנפיהרער פון דער עקספעדיציע געגען די רויטע, דער גענעראַל קאַסס, איז איין אונפאָהיגער קאָמאַנדיר געוועזן, אונ די צייט איז אַ דורך מיט אונזטצליכען נאָכיאָגען די רויטע, וועלכע זענען נאָך פלינקער ענטלאָפען; לינקאָלנ'ס פולק, האָט אפילו דעם שונא נישט געזעהען, נאָר זיי איז פאָר געקומען צו ליידען פיעל מאַנגעל אין אַבראַאם האָט געקאָסט פיעל ענערגיע אום צו אַיינ־האַלטען די פרייווילליגע פון צערלויפען.

אין דריי מאָנאַטען אַרום האָט די מלחמה זיך געענדיגט, אַזוי ווי דער ווינטער האָט זיך צו גערוקט, מען האָט בעגייט דעם אַלטען פריעדען, לויט וועלכען, ווי פריהער, איז דער טייך מיססיסיפי בעשטאָטיגט געוואָרען פאַר אַ גראָניץ צווישען די רויטע אונ די ווייסע.

האלב צו פוס, האַלב אויף געהילץ מיט דעם טייך

איללינאָיס, איז אַבראַאַם צוריק געקומען קיין ניו-סאַלעם, וואו די איינוואוהנער האָבען איהם זעהר פריינדליך עמפּפאַנגען. אונ ער איז זעהר איבעראַשט געוואָרען, אז מען האָט איהם מיט גע-טהיילט, אַז אַ טהייל שטאָדט-לייט האָט איהם אויסגעשטעלט פאַר אַ קאַנדידאַט אין די געזעטצגעבונג'ס פערזאמלונג פון דעם שטאַט איללינאָיס. אין אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז מען מאַכט פון איהם לצנות, נור אַז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז מען מיינט דאָס אין אמת'ן, האָט ער זעהר צופריעדען אָנגענומען די קאַנדידאַטור. דעמאָלס האָט לינקאָלן געהאַלטען זיין ערשטע פּאָליטישע רעדע. דאָס איז געשעהען באַלד אין אָנהייב פון דעם וואַאַל קאַמפּף, אין דעם פאַפּסוויל, וואו איבער עפּיס אַ ליציטאַציע האָבען זיך פיעל מענשען פערזאַמעלט. פאַר זיין רעדע איז איין קוריאָזער צופאַל, נאָך דעם ווי דער אַאוקציאָן (אויספערקויף) האָט זיך געענדיגט, איז געוואָרען עפּיס אַ געשלאַג, אַבראַאַם איז אַראָב געשפּרונגען פון פּלאַטפאָרם, וואו דער אַאוקציאָן איז פאָרגעקומען, אונ האָט צעשליידערט די, וואָס האָבען זיך געשלאָגען, איינער אָבער האָט אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אויפהערען, אונ האָט זיך געגען געשטעלט אַבראַאַם'ן, אַבראַאַם האָט איהם גענומען פאַר'ן קאָלנער אונ פאַר די פיס, אויפגעהויבען איהם אין דער לופט אונ אַוועק געשליידערט. דער נאָך אַז עס איז שטיל געוואָרען, איז ער צוריק אַרויף אויף'ן פּלאַטפאָרם אונ האָט זיך געווענדעט צו'ם עולם מיט פאָלגענדער רעדע:

„דזשענטעלליים אונ בירגער! — איך רעדען, אַז איהר אַלע ווייסט, ווער איך בין אַזוינער, — איך בין דער אָרימער אַבראַאַם לינקאָלן. מיינע גוטע פריינד האָבען מיך געבעטען, איך זאָל זיין קאַנדידאַט אין דער געזעטצגעבונג'ס פערזאַמלונג. מיין פּאָליטיק איז קורץ אונ איינפאַך, ווי איין אַלט ליעדעל. איך בין פאַר דער נאַציאָנאַל באַנק, פאַר דעם סיסטעם פון אינ-ערליכע פערבעסערונגען אונ פאַר דעם פּראָטעקציאָן*) טאַריף,

*) פּראָטעקציאָן טאַריף — אָבצאָהל פיר אַלע סחורות, וואָס מען ברענגט אַריין אין לאַנד.

אב דאס זענען מיינע איבערציינגונגען אונ פאליטישע פרינציפען. אז איהר וועט מיך אויסוואהלען, וועל איך אייך דאנקבאר זיין, ווען נישט — איז עס פאר מיר אלס איינס".

נור אבראאם איז ביי דער וואהלונג דורך געפאלען אונ דאס איז געוועזן דאס ערשטע אונ לעצטע מאל אין זיין לעבען, אז עס זאל איהם נישט געלינגען. ביי דעם וואהלען האט מען פיעל גערעדט וועגען איהם, אונ ער איז בעריהמט געוועזן זאגאר ביי זיינע פאליטישע געגנער, אונ זיי אליין האבען געזאגט, אז ווען ער וואלט נישט אזוי אפען אויסגעזאגט זיינע איבערציינגונגען, וואלט ער געוואהלט געווארען.

א גאנץ יאהר נאך דעם האט אבראאם זעהר א שלעכטע צייט דורך געלעבט. צוזאמען מיט א געוויסען בעררי האט ער אין ניו-סאלעם א געוועלב אויפגעאפענט, די געשעפטען זענען שלעכט געגאנגען, בעררי האט אבראאם'ן פערפיהרט אין חובות אונ אליין געמאכט פליטה אונ איבערגעלאזט אבראאם'ן חובות, וועלכע איז איהם אויסגעקומען צו צאהלען ביז'ן יאהר 1840. נאך דעם האט ער זיך פערדונגען פאר א געזעלען ביי א געוויסען עללים אין געוועלב. מיט זיין געהאלט אונ אביסל פון דעם, וואס גוטע פריינד האבען איהם געשטיצט, האט ער אבי ווי א דורך געלעבט די שווערע צייט. נישט לייכט האט זיך איהם דעמאלס געלעבט, אונ דאך האט ער זיך דאס נישט זעהר צום הארץ גענומען, אונ, ווי פריהער, געלעזען אונ זיך געבילדעט אין די געצעהלטע פרייע מינוטען. צו'ם גליק האט ער דעמאלס ניטצליכע ביכער געהאט צו'ם לעזען, ווי „די ראמישע היסטאריע" אונ אנדערע. ער האט געהאט א געוואהנהייט, קורץ נאטירען זיך דעם אינהאלט פון אלעם, וואס ער האט דורך געלעזען, אונ דאס האט ער שוין פעסט געדענקט. ער האט אויך פיעל צייטונגען געלעזען, א מיינסט האבען איהם זעהר אינטערעסירט די פאליטיק אונ דאס געזעלשאפטליכע לעבען. ארום געהאלפען אבראאם'ן אין יענער צייט האט בעזאנדערס א פעלדמעסטער מיסטער קאלאון, וואס האט בעמערקט אבראאם'ס פאהינקייטען, אונ האט איהם צו געזאגט ביי זיך א שטעלע אלס מיטהעלפער, באלד

נאָך דעם ווי אַבראַאם וועט זיך נור דערצו פֿאַרברייטען. מיט פֿלייס אונ מיט היטין האָט זיך אַבראַאם גענומען צו די לעהרע ביכער, וואָס קאַלאָון האָט איהם געגעבען, אונ אין אַ פֿערלויף פֿון זעקס וואָכען האָט ער שוין אויספֿייעט אַלעס נאָטהיגעס צו וויסען אונ האָט שוין געקאָנט זיין שטעלע אָנ־נעמען. אויסער די שטעלע האָט קאַלאָון איהם אויך פֿערזאָגט מיט פּריוואַט בעשעפֿטיגונג, קיין אַרבייט האָט איבערהויפּט נישט געפֿעהלט, אַזוי ווי אין ניו־סאַלעם איז אַלץ מעהר נייע עמיגראַנטען אָנגעקומען, זיי האָבען דאָרט ערד געקויפֿט, וועלכע מען האָט געברויכט אויסמעסטען.

די אַרבייט פֿון אַ פֿעלדמעסטער איז דאָרט געווען זעהר שווער. בעזאָנדערליך עס איז אויסגעקומען זיך לאָזען אין די אורַאַלטע וואָלדער, וואו איידער נאָך מען האָט געקאָנט די אינסטרומענטען צערשטעלען, האָט מען זיך געמוזט מיט אַ האַק אין דער האַנד אַ וועג אויסהאַקען. ווי מיד ער איז ניט געוועזען פֿון גאַנצען טעגליכער אַרבייט, פֿלעגט ער ביי נאַכט זיך פֿערנומען מיט לעזען ביכער ביי'ם קאָסטער. זיין פֿערדינסט איזט גיוועזען זייער קליין, עס פֿלעגט אים, ווי ער אַליין האָט דער ציילט, קוים זיין גענוג אויף ברויט.

אין יאָהר 1833 האָט ער אַ נייע בעשעפֿטיגונג צוגעקריגען, ער איז געוואָרען דער פּאָסט־מייסטער אין ניו־סאַלעם. אַרבייט איז געווען זעהר ווענינ, די פֿערוואַלטונג פֿון דער פּאָסט האָט זיך געפֿונען אין אַ קליין געוועלביל, די פּאָסט איז אין גאַנצען איינמאָל אין דער וואָך אנגעקומען, אונ אַבראַאם האָט זיין אַלטע בעשעפֿטיגונג נישט געברויכט צו פֿערנאַכלעסיגען צוליעב דער נייער. לויט ווי איינער פֿון לינקאָלן'ס ביאָגראַפֿיסטען פֿערציילט, האָט אַבראַאם זיך געסטאַרעט עפּיס וויכטיגער צו מאַכען זיין שטעלע, אונ אַזוי ווי אין טהאַט איז כמעט גאָר נישט צו טהוען געווען, האָט ער פֿאָרגעלעזען די בריעף פֿאַר די, וואָס האָבען אַליין נישט געקאָנט לעזען, אונ די צייטונגען פֿאָרגעלעזען פֿאַר אַ גאַנצען המון, וואָס האָט זיך פֿערזאַמעלט פֿאַר זיין געוועלב.

דערווייל האָט אַבראַאם אַלץ מעהר גע'שמ'ט, ער האָט דורך די צייט שוין פֿיעל וויכטיגעס געהאַט ערלערנט, אונ זיין נאַטירליכע גוטסקייט אונ זיין וויכער כאַראַקטער האָבען איהם

געצווינגען דערצו, אז ער זאל זיך טהיילען מיט אנדערע מיט דער בילדונג, וואס ער, צוליעב זיינע גוטע פאהיגקייטען, האט געקאנט ערדייכען. זיין אלטערווירטה, אפפיאט, האט פון איהם א וועלט געהאלטען, ער פלעגט זאגען: „לינקאלן וויים מעהר ווי אלע אין די פעראייניגטע שטאטען". דער אינדיאניער גובערנאטאר, וואס האט זיך מיט אבראאם'ן דעמאלס בעקאנט, איז ענציקט געווארען פון איהם אונ האט געזאגט, אז לויט זיין טאלאנט וואלט אבראאם געברויכט זיין דער פרעזידענט פון לאנד.

אין יאהר 1834 ביי דער נייער וואהלונג האט מען אבראאם'ן ווידער אויסגעשטעלט פאר א קאנדידאט פון בעצירק סאנגאמאן אין דער געזעטצגעבונגס פערזאמלונג, אונ אויף דעם מאל איז ער אויס געוואהלט געווארען מיט א גרויסער מעהרצאהל שטימען. אין יענער צייט האבען זיך אין אמעריקא שוין געהאט אויסגעפארמירט צוויי פאליטישע פארטייען — די דעמאקראטישע אונ די רעפובליקאנער, לינקאלן האט געהערט צו דער צווייטער.

פון יענער צייט דערציילט זיך דער פאלגענדער אנעקדאט. ביי דעם וואהלונגס קאמפף איז איהם אויסגעקומען צו זיין אויפ'ן פעלד, וואו דרייסיג ארבייטער האבען געשניטען, ער האט געוואלט די ארבייטער'ס שטימען געווינען, איינער פון די ארבייטער האט פארגעטרעטען אונ געזאגט, אז זיי וועלען זייערע שטימען געבען נור פאר דעם, וואס קאנן זייער מלאכה, ד. ה., גוט שניידען. אבראאם האט זיך באלד גענומען שניידען, אונ האט עס זעהר גוט געמאכט, אונ אלע ארבייטער האבען פאר איהם זייערע שטימען געגעבען.

אבראאם, נאכדעם אלס ער איז אויסגעוועהלט געווארען אלס מיטגליעד אין דער געזעטצגעבונגס פערזאמלונג, האט שוין פעסט ערקאנט זיינע כחות, ער האט פון דעמאלס אן געהאט א בעוואוסטע ציעל פאר זיינע אויגען, אונ זיך פעסט בעשלאסען צו ארבייטען, אלס געזעלשאפטליכער טהעטיגער.

אויף דער ערשטער סעסיא, וואס איז געוועזן אין וואנדאלי,

האָט ער ווייניג גערעדט, אַלץ איז איהם נאָך פרעמד געווען, און ער האָט געוואָלט פריהער זיך גוט בעקאָנען מיט זיינע אויפגאַבען. אויף אַלעמען, מיט וועלכער ער איז זיך אין יענער צייט צוזאַמען געקומען, האָט ער זעהר אַ אַנגענעהמען איינדרוק געמאַכט, נאָך דער ערשטער סעסיע איז ער אַהיים געפאָהרען קיין ניו-סאַלעם (אַנערך 100 מייל פון וואַנדאַלי) און זיך גענומען פאַרברייטען פאַר איין אַדוואָקאַט.

איין אַדוואָקאַט מיסטער דזשאָן סטיואַרט, אויך איין מיטגליעד אין דער געזעטצגעבונגס פערזאַמלונג, וואָס האָט זיך מיט אַבראַאם'ן בעקאַנט, האָט אויף איהם אַ ווירקונג געהאַט, אַז אַבראַאם זאָל זיך אַדוואָקאַטעריי איבערגעבען ער האָט איהם אויך מאַטעריאָליש געשטיצט און אַבראַאם האָט זיך באַלד גענומען פלייסיג שטודירען יורידיע (די געזעטץ לעהרע) און דערביי פאָליטישע ביכער געלעזען. צו דעם אַלעם האָט ער צייט געהאַט נור ביי נאַכט, ביי טאָג איז ער געווען בעשעפטיגט מיט זיין ערשטער פראָפעסיא פעלדמאָסטונג. אין דער זעלבער צייט איז ער צו'ם צווייטען מאָל געוואָהלט געוואָרען אַלס מיטגליעד פון דער געזעצבונג-פערזאַמלונג אין איללינאָיס. מיט דער צייט האָט ער אין דער פערזאַמלונג אַ שטאַרקען אַנטהייל גענומען ביי אַלע פאָרפאָלענדע פראַגען, און איז אין קורצען בעוואוסט געוואָרען אין גאַנצען שטאַאט.

ביז דעם יאָהר 1837 האָט ער שטודירט און אין דעם זעלבען יאָהר ער האָט גליקליך געענדיגט און בעקומען אַ דיפלאָם אַלס אַדוואָקאַט. זיין גוטער פריינד, דער אַדוואָקאַט סטיואַרט, האָט איהם צוגענומען פאַר אַ קאָמפּאַניאָן אין זיין קאַנטאָר אין דער שטאָדט ספרינגפילד, וואו אַהין, — אויפזעכליך צוליעב אַבראַאם'ס פראָטעקציא, — איז איבער געטראָגען געוואָרען פון וואַנדאַלי די שטאַאט רעזידענץ. אין דעם זעלבען פעריאָד האָט לינקאָלן אין דער פערזאַמלונג דאָס ערשטע מאָל אַרויס געטרעטען מיט אַ פראָטעסט געגען דעם שקלאַווערייסיסטעם, וואָס האָט נאָך געהערשט דעמאָלס אין די זיד=

אַמעריקאַנישע שטאַאַטען. *)

פיעל שטימען האָבען זיך שוין דעמאָלס געהערט געגען דער שקלאַווערייא, נור די פּאַרטיי. וואָס האָט געהאַלטען פאַר שקלאַווערייא איז אַזוי מאַכטיג געוועזען אויף אַלע פערזאַמלונגען, אַז זי האָט דורך געפיהרט אַ רעזאָלוציע, וואָס ערקענט די אַלע, וואָס פּראָטעסטירען געגען דער שקלאַווערייא, פאַר פערבּרעכער און זינדיגער געגען דעם געזעץ.

דער קאָנגרעס אָבער אין וואַשינגטאָן איז אַזוי ווייט נישט געגאַנגען, ד. ה. ער האָט נישט געשטערט צו ריידען געגען דער שקלאַווערייא, נור אויך דאָ איז די שקלאַווערייא פּאַרטיי אַזוי מאַכטיג געוועזען, אַז דער קאָנגרעס האָט גאָר אין אַכט ניט גענומען די רעדען און פּעטיציען פון די אַבּאָליציאָניסטען (די געגנער פון שקלאַווערייא).

און אין דער זעלבער צייט ווען די געזעץ-געבונגס פערזאַמלונג האָט ערקענט יעדען געגנער פון דער שקלאַווערייא פאַר אַ פערברעכער — אין דער זעלבער צייט האָט אַבּראַאַם אַרויס געטרעטען מיט אַ הויכען פּראָטעסט. דער פאַקט, אַז פון דער גאַנצער פערזאַמלונג איז נאָר איינער נאָ געוויסער סטאָן, מיטגעהאַלטען מיט איהם, צייגט אונז ווי עהרליך און ווי מוטהיג ביי דעם קאַמפּף פאַר דער גערעכטיגקייט אַבּראַאַם איז געוועזען. זיין געפיהל האָט איהם געצוואונגען צו רעדען, חאָטש אַלע זענען געוועזען געגען איהם!

אָט דאָס איז געוועזען ערשטער אַבּראַאַמ'ס שריט ביי דעם קאַמפּף געגען דער שקלאַווערייא, וועלכען ער האָט זיין גאַנץ לעבען אַזוי העלדיש געפיהרט, און וועלכער האָט זיך

---

*) נאָך אין יאָהר 1820 האָט מען פיעל גערעדט וועגען דער שקלאַווען פראַגע. אַם ענדע האָבען די געגען פּאַרטייען צוזאַמענגערופען אַ קאָנגרעס, וועלכער איז געקומען צו פאָלגענדער איינוויליגונג (זי איז בעקאַנט מיט דעם נאָמען די מיססורישע איינוויליגונג), לויט וועלכער עס איז בעשטאַטיגט געוואָרען גראַניצען וואו, די שקלאַווערייא איז ערלויבט געוועזען. פון יענער צייט אָן איז די שקלאַווערייא אויף געזעצליכען גרונד געבליבען אין זיד אַמעריקא. די נאָרד-אַמעריקע אָבער איז בעפרייט געוואָרען.

געענדיגט מיט דעם זיעג פֿון דער גערעכֿטיגקייט, מיט דער בעפֿרייאונג פֿון די שקלאַווען.

פינפֿטעס קאפיטעל.

אַבראַאם האָט זיך אָנגעהויבען ערנסט צו בעשעֿפֿטיגען מיט זיין נייעם פֿאַך, אַלס אַדוואָקאַט אין ספרינגפֿילד, וואו ער האָט געאַרבייט צוזאַמען מיט סטיואַרט׳ן, וועלכֿער האָט אָנגעהויבען צו בעמערקען, אַז פֿעראייניגען זיך מיט אַבראַאמ׳ן, קאָנן פֿאַר איהם זעלבסט, פֿאַר סטיואַרט׳ן, זעהר נוצליך זיין, ווייל אַבראַאם איז אַלץ מעהר אונ מעהר פּאָפּוליאָר געוואָרען מיט זיין פּאָליטישער טהאָטיגקייט.

אַבראַאם איז דערווייל צו׳ם צווייטען מאָל געוואָהלט געוואָרען אין דער געזעטצגעבונגס פֿערזאַמלונג. זייענדיג אין דער פֿערזאַמלונג אַכֿט יאָהר איז ער בעקאַנט געוואָרען שוין איבעראַל מיט איין אָראַטאָרישען טאַלאַנט, אונ איז געוואָרען דער אַנפֿיהרער פֿון זיין פּאַרטיי. ווי עס פֿערציילען די, וואָס האָבען איהם דעמאָלס געקאַנט, האָבען זיך זיינע רעדען דעמאָלס איבערהויפּט אויסגעצייכֿענט מיט פֿיעל אָרגומענטען, מיט קלאָרהייט אונ מיט יומאָר. מיט זיין יומאָר איז ער איבער בעגאַנגען די סאַמע ערנסטע לייט.

אויך אַלס אַדוואָקאַט איז אַבראַאם בערימט געוואָרען אין ספרינגפֿילד. סטיואַרט׳ס קאָמפּאַניאָן איז ער געבליבען ביז אין יאָהר 1840, נאָכֿדעם האָט ער זיך פֿערבונדען מיט אַ ריכֿטער לאָגאַן, אונ דערנאָך מיט זיינעם אַ גוטען פֿריינד, ג ע ר נ ד א ן.

נישט נור אַלס פּאָליטיקער האָט אַבראַאם מיט אַזא קראַפֿט, מיט אַזא ענערגיע געפֿערדיגט זיינע הומאַנישע פּרינציפּען, ווי די אונטערבּרענגונג דער שקלאַווערייי, ער איז אויך

אין זיין פּראָפֿעסיע אַלס אַדוואָקאַט געבליעבען טריי זיינע מענשליכע געפֿיהלען אונ די מאָראַלישע פּרינציפּען, ער האָט קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין משפּטים, וואָס זענען געווען ניט גאָר ראַיעל, ער האָט נאָר פֿערטהיידיגט אַזוינע קליענטען, אין וועלכע ער איז געווען איבערצייגט אין זייער גערעכטיגקייט. איבערהויפּט האָט ער מיט חשק אָנגענומען צו פֿערטהיידיגען בעליידיגטע אונ אונטערגעדריקטע פֿון שטאַרקע מענשען.

איינמאָל איז צו איהם אין קאַנטאָר אַריין געקומען אַ קליענט אונ געבעטען, אַז ער זאָל אָננעמען זיין משפּט דורך צו פֿיהרען. נאָכדעם ווי דער מאַן האָט אַלץ גענוי איבער־געגעבען, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט זיך אַבראַאַם אויפֿגעשטעלט אונ זיך געווענדעט צו'ם קליענט מיט פֿאָלגענדע וואָרטער: „יאָ, איך וואָלט געווים געוואונען אייער משפּט. איך קאָן אַוועקרייסען פֿון איין אַלמנה מיט 6 קינדער 600 דאָלאַר, אונ אייך איבערגעבען דאָס געלד, אויף וועלכען די אַלמנה מיט איהרע קינדער האָט נישט ווייניגער רעכט אַלס איהר. איהר ברויכט וויסען, אַז נישט אַלס וואָס מען קאָן לויט דעם געזעץ טהון מאָג מען טהון. איך וועל אייער משפּט נישט אָננעמען, נור איך וועל אַייך געבען אומזיסט איין עצה, וואָס קאָנן אַייך ניצליך זיין: פּרובֿט אַייך צו געווינען זעקס הונדערט דאָלאַר עפּיס דורך איין אַנדערען וועג.

אַ מאָל ווידער האָט אַבראַאַם צוזאַממען מיט נאָך אַדוואָקאַטען פֿערטהיידיגט אַ מענשען, וועלכער איז פֿערקלאָגט געווען אַלס מערדער, אין מיטען איז אַבראַאַם געוואָהר געווארען, אַז זיין קליענט איז ווירקליך אַ מערדער, האָט ער זיך אָבגעזאָגט אונ נישט געוואָלט מעהר איין אַנטהייל נעמען אין דער זאַך.

איינמאָל איז צו איהם אַריינגעקומען איין אָרומע אַלטע פֿרוי, אַ נעגרין, אונ געבעטען, אַז ער זאָל איהר רעטען איהר זוהן, איהר איינציגעם שטיצער, וועלכען מען האָט אַרעטירט אין ניי־אָרלעאַן, ווי נור ער איז אַרוים פֿון דער שיעף אויפֿ'ן ברעג. דעמאָלס האָט אין אַמעריקא נאָך געהערשט דאָס אונמענשליכע

געזעין, לויט וועלכען מען האָט געהאַפּט יעדען נעגער, וואָס איז אַראָב פון דער שיף, אונ צו גענומען אַלס שקלאַוו ביז וואַנען מען האָט איהם פאַר געלד אויסגעקויפט. לינקאָלן, נישט פערדי-ענענדיג דערבּיי איין סענט, האָט אָנגעווענדעט אַלע מאָגליכע מיטעל צו בעפרייען דעם נעגער, ער האָט זיך זאָגאַר געווענדעט צו'ם גובערנאַטאָר פון דער שטאַאט. אונ דער נאָך אַז דאָס אַלעס האָט נישט געהאָלפען, האָט ער צוזאַמען מיט זיין קאָמפּאַניאָן פאַר אייגען געלד דעם נעגער אויסגעקויפט.

אין עטליכע יאָהר אַרום נאָך זיין אָנקומען קיין ספּרינג-פילד האָט אַבראַאם געפיהרט אַ משפט, וואָס האָט איהם זעהר בעקאַנט געמאַכט. די זאַך איז אַזוי געווען: אַ יונגער מענש, מיט'ן נאָמען אַרמסטראָנג, איין איינציגער זוהן בּיי אַלטע עלטערן, בּיי וועלכע אַבראַאם האָט אַ מאָל געדיענט אַלס אַרבּייטער, איז געווען בעשולדיגט אין אַ מאָרד אונ איז געוועזען איינ-געזעצט אין טורמא. אַבראַאם איז נור דער פון געוואהר געוואָרען, האָט ער באַלד אָנגעשריעבען אַ בריעף צו דעם יונגענמאַנ'ס אָלטערען אונ פאָר געלייגט, אַז ער וויל פערטהיידיגען זייער זוהן, געדענקענדיג זייער גוטסקייט צו איהם אין זיין שווערער צייט.

אַז אַבראַאם האָט זיך בעקאָנט מיט דער גאַנצער זאַך האָט ער זיך איבערציינגט, אַז דער יונגער מענש איז ווירקליך אונשולדיג, אַז דאָס איז אַ בלבול, וואָס איניגע שלעכטע מענשען האָבען צוזאַמען עקסטראַ אָנגעמאַכט; נור אַזוי ווי די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען זעהר אויפגערעגט געגען דעם יונגען מענשען, וועלכען מען האָט ערקאָנט אַלס ווירקליכען מערדער, דעריבער האָט אַבראַאם צום ערשטען געסטאַרעט זיך, אַז דער משפט זאָל ווערען דערווייל אָבגעלייגט אויף אַ צייט, אונ אַז עס זאָל ווערען איבערגעטראָגען אין איין אַנדער בעצירק. בּיי דעם געריכט, האָט דער הויפּט עדות אַ פערזאָנליכער פיינד פון דעם בעשולדיגטען, געזאָגט, אַז ער האָט אַליין געזעהען, ווי דער יונגער מענש האָט בּיי דעם געשלאָג אין דער גאַס אַריין געשטעקט אַ מעסער אין האַרץ פון דעם געהאַרגעטען; ער האָט אויך געזאָגט, אַז ער געדענקט

זאָגאַר זעהר גוט אַלע אומשטאַנדען פון דעם מאָרד, ער האָט אויך בעשטימט די צייט — האַלב צעהן אויף דער נאַכט, אונ געדענקט אפילו, אַז די לבנה האָט דעמאָלס העל געשיינט. אַבראַאם האָט שטרענג געקריטיקירט די בעווייזונגען פון דעם עדות אונ פלוצים האָט ער געפאָדערט אַ קאַלענדאַר אונ האָט אויסגעוויזען, אַז אין דעם זעלבען טאָג איז די לבנה אויפגעגאַנגען ערשט 11 אוהר. דער אויסווייזונג האָט איין אונגעהייערען איינדרוק געמאַכט אויף די ריכטער, באַלד האָבען זיי בעפרייט דעם בעשולדיגטען, אונ דער פאַלשער עדות איז קוים אַ לעבענדיגער אַהיים געגאַנגען פון געריכט, דאָס פובליקום האָט איהם געוואָלט צערייסען אויף'ן אָרט.

פון דעם משפט אָן איז אַבראַאם זעהר בעקאָנט געוואָרען אין גאַנצען שטאַאט פאַר איינעם פון די בעסטע אַדוואָקאַטען.

אונ דאָך ביי דעם אַלעם האָט ער נישט זעהר פיעל פער־דיענט. אין אָנהייב האָט ער זאָגאַר קיין אייגען פערד נישט געהאַט, האָטש ער האָט געדאַרפט מאָנאַטען וויז אַרום רייזען אויף'ן פראָווינץ זוכען בעשאָפטיגונג אַלס אַדוואָקאַט, ווי עס האָבען זיך דעמאָלס אַלע אַדוואָקאַטען געפיהרט. דער נאָך האָט ער זיך שוין ערוואָרבען אַ פערד, נור אומגעגאַנגען מיט דעם פערד איז ער אַליין, אַליין עס געפוצט, אַיינגעשפאַנט, אויס־געשפאַנט א. ז. וו.

אַזוי האָט אַבראַאם אַרום גערייזט, אַליין אָנטרייבענדיג דאָס פערד, אונ דערביי נישט אַוועק געוואָרפען זיין אַלטע געוואָהנהייט, — לעזען, ווען עס איז נור געווען אַ פרייע מינוט.

אַבראַאם איז אַלץ מעהר אונ מעהר פאָפוליער געוואָרען, בעזאָנדערס צווישען פראָסטען פאָלק, וואָס האָט אין איהם געזעהען איין איינפאַכען גוטען אונ אָפענהאַרציגען מענש. ער איז געווען איינפאַך, גוט אונ עהרליך, אונ געריכטעט זיך נור אַזוי, ווי זיין אָרענטליכקייט אונ שכל האָבען איהם דיקטיערט.

ביי זיין אַרום רייזען אויף'ן פראָווינץ שוין אַלס אַדוואָקאַט, האָט ער זיך אַלץ געפיהרט ווי אַ געוואָהנליכער פראָסטער מענש. נישט זעלטען אין מיטען וועג, האָט ער אָבגעשטעלט זיין

פערדעל, אַז ער איז דורך געפאָהרען דורך אַ וואלד, אונ געזעהען וואו אַרבייטער מאַטערט זיך אומצוליינען אַ היילבען בוים אין וואלד, האָט ער גענומען די האַק אין דער האַנד אונ גלייך דעם בוים צערהאַקט אויף צוויי העלפטען.

אין דער זעלבער צייט האָט ער נישט פערגעסען אין זיינע עלטערען, ער האָט זיי פערזאָרגט מיט אַלעס, וואָס זיי האָבען געברויכט. נאָך פון זיינע ערשטע פערדיענסטען אין ספרינגפילד האָט ער געקויפט אויף זיין שטיפמוטערס נאָמען 160 אקערס ערד (אַנ'ערך פון 50 דעסיאַטען), אונ דערביי געזאָגט זיינע גוטע פריינד, אַז דאָס איז זעהר אַקאַרגע בעצאָהלונג, פאַר דאָס גוטס, וואָס ער האָט דער פרוי צו פערדאַנקען.

אין נאָוועמבער 1842 האָט לינקאָלן געהייראַטעט מיט מיסס מערי טאָדד, אַ טאָכטער פון אַ מיטגליעד אין דער געזעצגעבונגס פערזאַמלונג פון שטאַאַט קענטוקי אונ עטליכע יאָהר האָט ער אַ גליקליך פאַמיליען לעבען דורך געלעבט. נור באַלד האָט זיך אַבראַאַם געמוזט אָבזאָגען פון רוהיגען פאַמיליען לעבען: די טהעטיגקייט פיר דעם כלל, האָט געטריבט ביי זיין גאַנצע אויפמערזאַמקייט, צייט אונ ענערגיע. איהם איז פאַרגעשטאַנען האָטש זעהר אַ בעריהמט לעבען, נור אויך זעהר אונ זעהר אַ שווערס, ער האָט געמוזט מקריב זיין די פערגעניגען פון פאַמיליען-לעבען צוליעב דער געזעללשאַפטליכער נוטץ.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

אין אַכט יאָהר אַרום, אין פערלויף, ווען לינקאָלן איז געווען אַ מיטגליעד אין דער פערזאַמלונג אין איללינאָיס, איז איהם פּאָרגעקומען צו מאַכען אַ נייעס, גרויסען שריט אין זיין פּאָליטישער טהעטיגקייט.

אין דער זעלבער צייט איז בעוואוסט געווען אין די פער־אייניגטע שטאַאַטען, אַלס איינער פון די פּראָמינענטסטע רעגירונגס מאַנגער, קלעי, וועלכען די אנטי־שקלאַווערייי פּאַרטייי האָט געוואָלט וואָהלען פאַר פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. אַבראַאַם האָט זעהר געאַכטעט קלעי'ן און ער האָט אַגיטיערט אין שטאַאַט איללינאָיס פאַר קלעי'ן. די רעדען, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דער זעלבער צייט פאַר קלעי'ן, אָבוואָהל זיי האָבען צו'ם צוועק נישט געבראַכט, דען קלעי איז נישט געוואָהלט געוואָרען פאַר פּרעזידענט, דאָך האָבען זיי אַזוי פּאָפּולאָר געמאַכט אַבראַאַמ'ן אין שטאַאַט איללינאָיס, אַז אין יאָהר 1846, איז ער געוואָהלט געוואָרען פון שטאַאַט איללינאָיס אַלס מיטגליעד אין וואשינגטאָנער קאָנגרעס. *)

דער פאַקט איז נישט געווען אַ פאָרשריט בלויז פאַר אַבראַאַמ'ן, נור אויך אַ גרויסע פאָרשריט פאַר זיין פּאַרטייי, וועלכע האָט אַלץ מעהר און מעהר ענערגיש גענומען קאָמפּפען געגען דער שקלאַווערייי.

אין דעקאַבער פון יאָהר 1846 האָט אַבראַאַם פערנומען

---

*) די אָבעררעגירונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען הייסט קאָנגרעס. דער קאָנגרעס בעשטעהט פון אַ סענאַט און אַ פּאַרלאַמענט. אין דעם לעצטען איז אַבראַאַם געוואָהלט געוואָרען.

זיין אָרט אין פּאַרלאַמענט, אונ ער האָט זיך באַלד געלאָזט האָרען דאָרט פֿון דער טריבונע. עס האָט זיך געהאַנדעלט אין דער מלחמה, וואָס די פֿעראייניגטע שטאַאטען האָבען דעמאָלס געפֿיהרט מיט מעקסיקאַ, וועגען דעם געגענד טעחאַס. טעחאַס האָט זיך גערעכֿענט אונטער מעקסיקאָ'ס שוטץ, נור אין דער לעצטער צייט האָבען די אַמעריקאַנער עס אָנגעהויבען צו פֿער־נעמען אין זייערע האַנד. אונ אַזוי ווי דער געגענד טעחאַס איז געווען זעהר אַ גוטער פּונקט פֿאַר די שקלאַווען האַנדלער, זענען זיי געווען פֿאַר דער מלחמה; די אַנטי־שקלאַווערײַ פּאַרטיי דאַגעגען, האָט פּראָטעסטירט געגען דער מלחמה.

זעלבסט פֿערשטענדליך איז אַבראַאם אין זיין ערשטער רעדע אַרויסגעטראָטען געגען דער מלחמה מיט מעקסיקא. זיין רעדע איז געווען אַזוי גרינדליך אונ ערנסט, אַז ער האָט באַלד אויף זיך אויפֿמערקזאַם געמאַכֿט דעם פּאַרלאַמענט, אונ האָט אַ שטאַרקען קלאַפּ געגעבען דער שקלאַווערײַ פּאַרטיי. נאָך פֿיעל ארבייט אונ מיה האָט אַבראַאם'ן מיט זיין פּאַרטיי געלונגען צו מאַכֿען מיט דער געגען פּאַרטיי אַ קאָמפּראָמיס (אַ פּשרה), לויט וועלכֿען די שקלאַווערײַ איז ערלויבט געוואָרען נור אין אַ טהייל פֿון טעחאַס, אין דער אַנדערער טהייל איז די שקלאַווערײַ פֿערבאָטען געוואָרען. דער קאַמפּף מיט דער שקלאַווערײַ פּאַרטיי איז נישט בעשטאַנען בלויז אין דער טעחאַס־פֿראַגע. די זעלבע פּאַרטיי האָט זעהר ענערגיש געאַרבייט, אין פּאַרלאַמענט האָבען זיי פֿערלאַנגט, אַז די שקלאַווערײַ־סיסטעם זאָל געזעצליך ערקענט ווערען אויך אין די נייע פֿעראייניגטע שטאַאטען. אַבראַאם מיט זיין פּאַרטיי האָבען אָבגעווערט דעם פּראָיעקט, ווי ווייט עס איז נור מעגליך געווען, אונ אין די נייע געגענדען איז די שקלאַווערײַ ניט אין גאַנצען איינגעפֿיהרט געוואָרען.

דער לעצטער פּונקט, צו וועלכֿען די שקלאַווערײַ פּאַרטיי האָט געציעלט, אונ אין וועלכֿען עס איז איהר מעהר ווי אין אַלעם געגאַנגען, איז געווען די בעשטעטיגונג פֿון אַ געזעץ, לויט וועלכֿען מען האָט געזאָלט פֿערווערען צו האַלטען אונ

בעש״צען די שקלאַווען, וואָס זענען אַנטלאָפען אין די פרייע געגענדען, אונ לויט וועלכען יעדער איינוואָהנער האָט געזאָלט זיין מחויב געזעצליך אומצוקעהרען די ענטלאָפענע נעגרען צו זייערע ווירטהען. דיעזעס אונמענשליכעס געזאָטץ האָט פערשאַפט אונבעשרייבליכע ליידען. אָט וואָס לעלאַנד, — אַ געוויסער שרייבער אונ ביאָגראַף פון לינקאָלן, — פערצייהלט וועגען דעם: „אין דער זעלבער צייט ווען מען האָט נישט געשפּאָרט קיין מיה אונ אַנשטרענגונגען צו חאַפּען אונ אומצו־קעהרען די ענטלאָפענע נעגרען, האָט קיינער גאָר ניט געקלעהרט צו פערטהיידיגען די אָרומע פ ר י י ע נעגרען, וואָס מען האָט פון די זעלבע שטאַאטען מיט געוואַלד געחאַפט אונ געפיהרט קיין דרום אונ דאָרט זיי פערקויפט פאַר שקלאַווען. מען פערצייהלט, אַז אין פ ע נ ס י ל ו ו אַ נ י ע ן איז אין אַ געוויסע צייט איין טאָג נישט אַדורך אָהן אַזא גוואַלדהייט געגען אַ וועלכען עס איז אונגליקליכען נעגר״. ווייטער פערצייהלט לעלאַנד, אַז ער האָט „געקענט אַ יונגעל אַ ווייסען לויט געבורטה, נור מיט אַ שוואַרצען געזיכט, וועלכען מען האָט שיער נישט געחאַפּט אונ אַוועקגעפיהרט צו פערקויפען אין די דרום־שטאַאטען״.

אויבוואהל די שקלאַווערייפאַרטיי האָט נישט אין גאַנצען ערדייכט איהר ציעל, דאָך האָט זי נישט פערלוירען דעם קוראַזש. זי האָט זיך זעהר ענערגיש פאָרגעברייט צו אַ ווייטערען קאַמפף. אַ צייט האָט זיך אַלץ אוים געזעהען רוהיג, נור דאָס איז געוועזן אַ שטילהייט פאַר אַ גרויס גע־וויטטער: די דרום׳ער שקלאַווען ווירטהען אונ זייערע צפון׳ער געגנער האָבען זיך פאָרגעברייט אויף אַ מלחמה אויף טויט אונ לעבען.

נאָך דער ערשטער סעסיע אין קאָנגרעס, אין דער צייט ווען ער האָט איין אַנטהייל גענומען אין פיעל דעבאַטען אונ האָט זעהר גיך געשטיעגען אין דער מיינונג פון די מיטגליעדער אין פאַרלאַמענט, איז ביי לינקאָלן געבליעבען

אויף די אַנדערע צוויי יאָהר נישט באַלאַטירט צו ווערען *),
און מיר געפֿינען איהם שוין ווידער אין ספּרינגפֿילד, וואו ער
פֿערנעמט זיך אַלס אַדוואָקאַט און אַרבייט זעהר פֿיעל איבער
זיין ווייטערער גייסטליכֿער ענטוויקלונג; ער האָט געהאַלטען
פֿאַר נייטהיג זיך ווייטער אויס צו בילדען, נאָך דעם ווי ער
האָט זיך בעקענט מיט די הויך געבילדעטע רעגירונגס־מאָנגער
אין וואַשינגטאָן. „עס איז מאָגליך" — זאָגט איינער פֿון זיינע
ביאָגראַפֿען, — אַז ער האָט שוין געזעהען די נאָהנטקייט פֿון די
גרויסע קריעג פֿון צפֿון און דרום, און ער האָט זיך געוואָלט
פֿאָרברייטען אין איהר איין אַנטהייל צו נעמען".

ער האָט פֿאָרלייפֿיג, ווי עס זעהט אויס, אין גאַנצען זיך
נישט אָבגעגעבען מיט דער פּאָליטיק, נור אַז דוגלאַס, דער
פֿאָרשטעהער פֿון דער געגען פּאַרטיי, האָט געהאַלטען אַ רעדע
ערגיץ אין שטאַאט אילינאָיס, פֿון וואַנען ער איז געווען געוואָהלט
אין סענאַט אין וואַשינגטאָן, און האָט געשיצט אין דער רעדע
די שקלאַווערייַ, האָט לינקאָלן באַלד דער נאָך געהאַלטען אַ רעדע
דאַגעגען. אויסער דעם האָט ער איין אַנטהייל גענומען אין
פֿערשיעדענע געזעלשאַפֿטליכֿע בעוועגונגען פֿון שטאַאט. אין די
איבריגע צייט האָט ער זיך בעשעפֿטיגט מיט זיין פּראָפֿעסיע
און מיט זיין ווייטערער אויסבילדונג.

איין ענערגישער פֿאָרשריט פֿון דער שקלאַווערייַ פּאַרטיי
האָט באַלד אָבגעריסען לינקאָלנ'ן פֿון זיינע בעשעפֿטיגונגען, און
איהם געצוואונגען ווידער אַרויס צו טרעטען אויף דער
פּאָליטישער אַרענע. אין יאָהר 1854 האָט דער קאָנגרעס
אָנגענומען דעם פּראָיעקט פֿון דוגלאַס, לויט וועלכֿען די פֿער־
אייניגטע שטאַאטען האָבען זיך נישט מעהר צערטהיילט ווי
פֿריהער אויף פֿרייע און נישט־פֿרייע, ד. ה. אויף אַזעלכֿע, וואו
די שקלאַווערייַ איז פֿערבאָטען און אויף אַ זעלכֿע, וואו זי איז
פֿערווערט; דאָס נייע געזעץ האָט ערלויבט און ערקענט

---

*) יעדער מיטגליעד פֿון פּאַרלאַמענט איז יעדע צוויי יאָהר אויף
דאָס ניי באַלאַטירט געוואָרען.

געזעצליך די שקלאַווערײ אין אַלע שטאַאטען.

ביז אַהער זענען די בעוואהנער פון די צפון שטאַאטען געווען אַללע געגען דער שקלאַווערײ, נור דער שלום איז ביי זיי געווען טהייערער פאַר אַלעם און איבער דעם האָבען זיי זיך נישט אויסגעשפּראָכען אין גאַנצען אונטער צוברענגען די שקלאַווערײ, און ווען עס וואָלט געבליבען בײ׳ם אַלטען, וואָלטען זיי רוהיג געבליעבען, נור דאָס נייע געזעטץ האָט זיי געצייגט, אַז די שקלאַווערײ פּאַרטײ בעגניגט זיך נישט מיט די ביזהעריגע רעכטע, און וויל אַיינפיהרען אין אַללע פעראייניגטע שטאַאטען, און זיי האָבען זיך גענומען ענערגיש צו קאָמפּפען געגען דעם.

לינקאָלן האָט זעהר גוט פערשטאַנען, אַז אויב מען וועט יעצט נישט צוריקהאַלטען די שקלאַווערײ פּאַרטײ, מוז אַרויס קומען אַ קריעג, וועלכער קאָנן פיעל שאָדען ברענגען זיין פאַטער לאַנד; ער האָט גאַנץ גוט געזעהען, וואָס עס שפּינט זיך און וועבט זיך אין דער שטיל — און מיט זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער גענומען פּראָטעסטירען געגען דעם נייעם געזאָטץ. צו׳ם ערשטען האָט ער פערפאָלגט דוגלאַס׳ן, וואָס איז דעמאָלס צוריק געקומען פון וואַשינגטאָן און האָט געהאַלטען אין ספּרינגפילד אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געשיצט דאָס נייע געזאָטץ. לינקאָלן האָט באַלד דער נאָך איהם געאָנטפערט, און, לויט ווי מען פערציילט, האָט זיינ׳ס אַ רעדע נאָך קיינמאָל זיך נישט אויסגעצייכענט מיט אַזא קראַפט אַזוי ווי די לעצטע, אַזוי אַז ער האָט צערקלאַפּט די אַללע אויסוויזונגען פון דוגלאַס׳ן, נור ער האָט זיך נישט בעגניגט מיט דער אַיינער רעדע, ער איז נאָך געפאָהרען דוגלאַס׳ן, און וואו נאָר דער לעצטער האָט אַ רעדע געהאַלטען, האָט לינקאָלן זיך געצייגט און האָט אויסגעוויזען דאָס גאַנצע געפאַהר, די קריעג, וואָס דאָס נייע געזאָטץ וועט פעראורזאַכען, און זיינע רעדען האָבען אַזא ווירקונג געהאַט, אַז די געגען פּאַרטײ (זי האָט זיך דעמאָלס גערופען „די רעפּובליקאַנער") איז בעזיעגט געוואָרען אין שטאַאט

איללינאיס, אונ די רעפּובּליקאַנער האָבּען איינגערעדט לינקאָלן ווידער איינצוטרעטען אין קאָנגרעס, אונ אין יאָהר 1855 איז ער אויסגעשטעלט געוואָרען אלס קאַנדידאַט אין סענאַט.

אַם ענדע אָבּער האָט ער זיך אָבּגעלאָזט פון דער קאַנדידאַטור, אונ אָבּגעטרעטען זיין אָרט איין אַנדערען פאַרשטעהער פון זיין פארטיי, וועלכער האָט מעהר שאַנסען געהאַט געוועהלט צו ווערען, אונ צו בּעזיעגען דוגלאַס'ן; אבּראַאַם'ס פאַרטיי האָט ווידער געהאַט דאָס געלעגענהייט זיך איבּערצוציינגען אין אַבּראַאַם'ס איבּערגעבּענהייט צו די אַלגעמיינע אינטערעסען, אַז ער קאָמפּפט נישט פאַר זיך, נישט פאַר דעם ער זאָל געוועהלט ווערען, נור זיין פארטיי אַ נוטץ צו בּרענגען, די רעפּובּליק, וועלכע האָבּען זיך אויף דאָס נייע אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען „די רעפּובּליקאַנישע פּאַרטיי", האָבּען בּאַלד נאָך דעם ערקענט אבּראַאַם'ן אלס דעם אַנפיהרער פון זייער פאַרטיי.

אין יאָהר 1856, אַז מען האָט אַ נייעם פּרעזידענט געוועהלט, איז אַבּראַאַם זעהר איבּעראַשט געוואָרען מיט דעם, וואָס מען האָט איהם אויסגעשטעלט פאַר קאַנדידאַט אלס וויצעפּרעזידענט, אונ אַבּוואָהל, ער איז דעמאָלס נישט געוועהלט געוואָרען, דאָך האָבּען די שטימען, וואָס מען האָט געגעבּען פאַר איהם, געצייגט, ווי זיין פּאָפּוליאַריטאָט איז געוואַקסען פון טאָג אויף טאָג. ער האָט אַ גרויסען אַנטהייל גענומען אין די וואָהלונג'ס קאָמפּאַניע, זעהר פיעל רעדען געהאַלטען געגען דער פערשפּרייטונג פון דער שקלאַווערייַ, איינע פון יענע רעדען האָט זיך געענדיגט מיט פאָלגענדע וואָרטער: — „יאָ, מיר ווילען קאָמפּפען פאַר דער פרייהייט, געגען דער שקלאַווערייַ, אַזוי לאַנג ווי די קאָנסטיטוציאַ וועט לאָזען פריי רעדען, אונ בּיז וואַנען מיר וועלען נישט דער גרייכען אונזער ציעל, אַז אויף אונזער גאַנצען גרויסען לאַנד, אונטער די שטראַהלען פון דער זונן אונ אונטער דעם רעגען, זאָל אַרום געהען אויף דער אַרבּייט נור אַ פרייער אַרבּייטער".

די געגען אינטערעסען פון די פּאַרטייען האָבּען זיך אין

דער צייט אַלץ מעהר פֿערוויקעלט. נאָך דעם ווי דוגלאַס'ס ביל (פּראָיעקט) איז אַ געזעטץ געוואָרען, און די שקלאַווערייַ איז אומעטום ערלויבט געוואָרען, האָבען די רוהיגע איינוואָהנער פֿון שטאַאט קאַנזאַס אַנגעהויבען צו שפּירען די אַלע שלעכטע פֿאָלגען פֿון דעם געזעץ.

נעבען קאַנזאַס געפֿינט זיך דער שטאַאט מיססורי, פֿון וועלכען די איינוואָהנער זענען געווען פֿאַר דער שקלאַווערייַ, און די דרום'שע פּאַרטיי האָט פֿון דאָרט אַריינגעשיקט קיין קאַנזאַס גאַנצע פּאַרטייען „גרעניץ רוצחים". אַלס פֿריעדיגע עמיגראַנטען זענען זיי אָנגעקומען אויף אַ צייט אין קאַנזאַס און האָבען געגעבען זייערע שטימען פֿאַר דער ערלויבונג פֿון דער שקלאַווערייַ אין דעם שטאַאט, אויסער דעם זענען זיי בעפֿאַלען די איינוואָהנער, וואָס האָבען געגעבען שטימען געגען דער שקלאַווערייַ, און דאַדורך געמאַכט אונמאָגליך אָבצוּוואָהרען דעם שטאַאט פֿון שקלאַווערייַ. דאַגעגען ווידער האָט די אַנטי־שקלאַווערישע פּאַרטיי אָנגעשיקט קיין קאַנזאַס מיליטאָר אָבוועדען די איינוואָהנער פֿון די „גרעניץ רוצחים". אַ פּאָר יאָהר נאָך איינאַנדער האָבען די געגען פּאַרטייען געשטרייט אין קאַנזאַס מיט געוואַלט, ביז וואַנען קאַנזאַס איז געוואָרען אַ שטאַאט פֿאַר זיך, און מיט דער קאָנסטיטוציע איז די שקלאַווערייַ פֿערבאָטען געוואָרען. עס פֿערשטעהט זיך, אַז דאַדורך איז דער האַס צווישען די נאָרדיאַנער (איינוואָהנער פֿון נאָרד) און זידיאַנער (איינוואָנער פֿון זיד) צווישען די געגען פּאַרטייען נאָך גראָסער געוואָרען. פֿאָלגענדער פֿאַקט קען צייגען ווי ווייט דער האַס האָט דערגרייכט. איינער פֿון די בעריהמסטע סענאַטאָרען, זאָנער פֿון שטאַאט מאַססאַצוּזעטסט, האָט אין זיין'ס אַ רעדע בעליידיגט איין אנדערען סענאַטאָר, בוטלער פֿון דרום קאַראָלינאַ, בוטלערס אַ חבר, ברוקס, אויך פֿון דרום קאַראָלינאַ, (וואו די שקלאַווערייַ איז געווען פֿערשפּרייט) האָט זיך בעלעדיגט פֿאַר זיין חבר און האָט דעם אָראַטאָר געגעבען אַזאַ שטאַרקען קלאַפּ מיט אַ שטעקען, אַז יענער האָט זיך געהאַלטען אַ לאַנגע צייט דער מיט.

אין 16־טען יוני 1858 האָט זיך אין ספּרינגפֿילד פֿער־

זאַמעלט די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי, וואו אבראַאם לינקאָלן איז צו'ם צווייטען מאָל געשטעלט געוואָרען פאַר קאַנדידאַט אויף סענאַטאָר, אונ אויסגיוואָהלט גיוואָהרען. אין צווייטען אָבענד נאָכ'ן אויסוואָהלען האָט אַבראַאם געהאַלטען זיין בעוואוסטע רעדע, וואָס איז בעקאַנט אין אַמעריקע מיט דעם נאָמען „די מחלוקת אין הויז".

אָט דאָס איז דער אָנהייב פון דער רעדע: „ווען מיר וואָלטען געוואוסט, וואו מיר געפינען זיך אונ צו וואָס מיר שטרעבען, דאַנן וואָלטען מיר בעססער געקאָנט בעשטימען, וואָס מיר האָבען צו טהוען, שוין 5 יאָהר נעמט אָן אונזער געגען פּאַרטיי אַללערליי מיטלען צו שטילען די אויפרעגונג אונ קריעג, וואָס שטערט די רוה אין אונזער לאַנד צוליעב דער שקלאַווערייפראַגע, אונזער געגען אָבער פּאַרטיי האלט זיך דערביי אַ געוויססער פּאָליטיק. נור די פּאָליטיק נישט נור זי האָט נישט פערבעסערט די לאַגע, געשטילט די אויפרעגונג, נור, פערקעהרט, נאָך פערשטאַרקט. לויט מיין מיינונג, וועט זיך דיזאַך נישט אַנדערש ענדיגען, ביז מיר וועלען אַקריזיס דורכלעבען. דאָס הויז, אין וועלכען עס איז שטענדיג נור מחלוקה, קאָנן נישט פלאַץ האַלטען, מוז פאַללען, צעשטערט ווערען, איך רעכען, אַז די היינטיגע רעגירונג, וואָס וואַרפט זיך צווישען שקלאַווערייא אונ פרייהייט, קאָנן נישט לאַנג עקזיסטירען, איך וואַרט נישט דאַרויף, אַז דער בונד פון די שטאַאטען זאָל צעפאַלען, איך האָב נישט קיין מורא, אַז דאָס הויז זאָל נישט איינפאַללען, נור איך בין איבערצייגט, אַז די מחלוקת אין איהם וועלען אויפהערען, איינס פון די צוויי קאָן זיין: אָדער די פיינד פון די שקלאַווערייא וועלען זיעגען אונ וועלען די שקלאַווערייא אין גאַנצען פערניכטען אָדער — די שקלאַווערייא פּאַרטיי וועט זיעגען אונ וועט די שקלאַווערייא בעפעסטיגען אונ פערשפּרייטען אומעטום, אין אַלע שטאַאטען — אין די אַלטע, ווי אין די נייע, אין די זיעדליכע, ווי אין די נאָרדליכע".

זיין רעדע האָט אַ שטאַרקע ווירקונג געהאַט, זיין פּאַרטיי

האט איהם ערקאנט אלס איהר אנפיהרער, אונ ביי אלע איז געבליבען די איבערציינונג, אז די דרום'ע שטאאטען, וועלען אלע מאגליכקייטען טהון, די שקלאווערייא אומעטום צו ערקענען, אונ אויף'ן ערגסטען פאל, וועלען זיי זיך פון בונד אבּרייסען.

צוזאמען מיט אבראאמ'ן, האט די צווייטער פארטייא העררויס געשטעלט פאר איהר קאנדידאט אבראאמ'ס אלטען געגנער — דוגלאס'ן. זיי ביידע זענען ארום געפאהרען אין שטאאט אונ רעדען געהאלטען, אין איינער פון זיינע רעדען האט דארט אבראאם דייטליך אויסגעשפראכען, אז מען ברויך די שקלאווערייא גאנצליך אין אלע שטאאטען פערבאטען.

איינענטליך איז אבראאם געוועהלט געווארען מיט א מעהרצאל פון 4000 שטימען, נור אויפ'ן קאנגרעס זענען כמעט אלע פארשטעהער איבערבאלאטירט געווארען, אונ דא האט מען דוגלאס'ן אנשטאט אבראאמ'ן געוועהלט. וועגען דעם פאקט האט זיך אבראאם אזוי אויסגעדריקט אין א געשפרעך מיט זיינ'ס א פריינד: איך האב דעמאלס געשפיערט דאס געפיהל, ווי א אינגעל, וואס מען האט איהם אויפ'ן פוס אנגע-טרעטען; דער וויטאג איז צוגרויס געווען, אז מען זאל לאכען קאנען, צו וויינען ווידער בין איך צו פיעל ערוואקסען געווען.

זעהר הארראקטעריסטיש איז דער קאנטראסט פון די קאסטען אויף דעם וואהלונגס קאמפף פון די ביידע געגען קאנדידאטען, וואס האט געדויערט געגען 7 חדשים. דער רייכער דוגלאס, וואס איז ארום געפאהרען, ווי א קאניג איבער'ן שטאאט, בעגלייט פון א גאנצע סוויטע פריינד, אין עקסטרע צוגען זאגאר מיט איין ארמאט — האט אויסגעבראכט אויף רייזע קאסטען ביז 50,000 דאלאר, דאנעגען אבראאם האט אויסגעבּרענגט נישט מעהר ווי 500 דאלאר.

אין פערלויף פון צוויי יאהר איז אבראאם ארום געפאהרען אין פערשיעדענע שטאאטען אונ האט קענען געלערנט אמעריקע, ער האט דערביי רעדען געהאלטען אונ איז אלץ מעהר אונ מעהר בעריהמט געווארען אין לאנד.

אין יענער צייט האבען זיך אבראאמ'ס פריינד בעשלאסען

איהם אַרויס צו שטעלען אַלס קאַנדידאַט אויף דער גרעסטער אַמט פֿון בונד, ד. ה. פֿאַר פּרעזידענט פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאטען. אין 9-טען מאי 1860 האָבען זיך 5000 מאַן פֿער־זאַמעלט אין אַ הילצערנע געביידע, וואָס איז עקסטרע אויף געבויעט געוואָרען צוליעב דעם. דער גובערנאַטאָר פֿון שטאַאט איללינאיס, וואָס איז געווען דער פּרעזידענט פֿון דעם מיטינג, האָט זיך געווענדעט צו'ם פּובליקום מיט פֿאָלגענדע וואָרטער: „צווישען אונז געפֿינט זיך דאָ יעצט איינער פֿון די ווערטהסטע בירגער פֿון אונזער שטאַאט, וועלכען מיר אַלע ליעבען אונ פֿערעהרען, איך לעג פֿאָר, אַז מען זאָל איהם רופֿען אַרויף אויף דער בימה". ער האָט אָנגערופֿען דעם נאָמען אַבראַאם לינקאָלן.

עס איז פֿאָרגעלעגט געוואָרען אַ רעזאָלוציא, אַז אַבראַאם ווערט אויסגעשטעלט פֿאַר קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאטען. די רעזאָלוציא איז איינשטימיג אָנגע־נומען געוואָרען.

אין אַ וואָך אַרום איז אַ גרויסער מיטינג געווען אין טשיקאַגאָ, וואו עס האָט זיך פֿערזאַמעלט דער נאַציאָנאַלער רעספּובליקאַנישער קאָנווענט פֿון צוואַנציג זעקס טויזענד מאַן, אונ אויך דאָרט איז פֿון זיעבען קאַנדידאַטען אַבראַאם אָנגענומען געוואָרען. אַבראַאַם'ס קאַנדידאַטור האָט צופֿריעדען געשטעלט די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי. זי האָט אין אַבראַאם'ן געזעהען אַ מענש מיט פֿעסטע פּרינציפּען מיט אַ הייסער ליעבע צו פֿרייהייט, אונ מיט איין אונאיבער־קויפֿליכער אָרענטליכקייט, אונ די פּאַרטיי איז איהם נאָך געגאַנגען מיט ענטוזיאַזם אונ מיט גלויבען אין זייערער גערעכטיג־קייט. אין דער געגענפּאַרטיי דאַגעגען איז געווען צו בעמערקען עפּיס אַ פֿערצווייפֿלונג, איין אונבעשטימטקייט.

אין 6-טען נאָיאַבר 1860 זענען געווען די לעצטע וואָהלונגען, וואו אַבראַאם איז געוואָהלט געוואָרען פֿאַר דעם 16-טען פּרעזידענט פֿון די פֿעראייניגטער שטאַאטען.

איינער פֿון די בעאַמטע אין שטאַאט איללינאיס, מיסטער ניוטאָן בעטמאַן, גיעט איבער פֿאָלגענדע וואָרטער אַבראַאם'ס פֿון זיין געשפּרעך מיט איהם וועגען די פּאַסטאָרען, וואָס

האָבען געגעבען זייערע שטימען נעגען אבראַאם'ן: ער האָט גענומען די ביבעל, פערצייהלט ער, אונ געזאָגט: „העדר בעטמאַן, די ליט ווייסען גאַנץ גוט, אַז איך שטעה פאַר דער פרייהייט אומעטום, לויט ווי פיעל עס ערלויבט די קאָנסטיטוציא אונ די געזעטצען, אונ אַז מיינע געגנער זענען פאַר דער שקלאַווערייַ, ווייסען זיי דאָס. נאָך דעם אַלעם אָט מיט דיזעס בוך אין דער האַנד, מיט דעם בוך, לויט וועלכען עס איז אונמאָגליך די מענשליכע שקלאַווערייַ, געבען זיי זייערע שטימען געגען מיר, — איך קאָן דאָס נישט פערשטעהן".
ער האָט אַ מינוט געשוויגען, וועלענדיג זיך בערוהיגען, ער איז זיך אַ פּאָר מאָל איבערגעגאַנגען איבער דער שטוב, דער נאָך ווידער זיך געשטעלט געגען מיר; אין זיינע אויגען איז געווען צו בעמערקען טרעהרען. ער האָט ווייטער געזאָגט מיט אַ ציטטערענדיגע שטיממע: „איך גלויב אין גאָט, וואָס האָט פיינד די שקלאַווערייַ אונ אונגערעכטיגקייט, איך שפּיער אַז עס קומט אָן אַ שטורם. אויב איך וועל ברויכען קאָמפּפען, בין איך פאָרגעבערייט דערצו. איך אַליין בין גאָר נישט, דער אמת איז אָבער אַלץ, אונ איך ווייס, אַז איך בין גערעכט. איך האָב זיי געזאָגט, אַז דאָס הויז וואו עס זענען שטענדיגע מחלוקות, קאָן נישט פלאַץ האַלטען, זיי וועלען זיך באַלד איבערצייגען, אַז איך בין גערעכט. דוגלאַס'ן איז אַלס איינס, צו וועט עקזיסטירען די שקלאַווערייַ צו נישט; נור גאָט אונ די מענשהייט איז עס נישט אַלץ איינס. מיט גאָטט'ס הילף וועל איך מיך דערהאַלטען ביז אַם ענדע. עס איז מאָגליך, אַז איך אַליין וועל נישט דערלעבען, נור מענשען וועלען דערקענען, אַז איך בין גערעכט געווען, אונ אַז זיי האָבען די ביבעל נישט פערשטאַנען".
נאָך דעם ווי ער איז געוואָהלט געוואָרען פאַר פרעזידענט, האָט לינקאָלן געוואָלט זיך זעהן מיט זיין שטיפמוטטער, וואָס האָט געוואוינט מיט דער טאָכטער אין עפּיס אַ פערוואָרפען ווינקעל פון איללינאָיס. ער איז עקסטרא אַהין געפאָרען.
אויף דעם 11-טען פעברואר איז בעשטימט געוואָרען

אבראאם'ס אַבריזע אַלס פּרעזידענט קיין וואַשינגטאָן. ער האָט אויף אייביג זיך געזעגנט מיט ספּרינגפילד, וואו ער האָט דורך געלעבט זיינע בעסטע לעבענ'ס יאָהרען.

זיבעטעס קאַפּיטעל.

דזשאָן בראָון אין די אַבאָליציאָניסטען.

אַ בלוטיגער שטרייט איז יעצט פאָרגעשטאַנען לינקאָל'נען מיט שטאַאטען פון שקלאַפען-אייגענטהימער; דער שטרייט האָט זיך שוין פון לאַנג אָן אין אַמעריקא געגרייט. די גרויסע רעפּובליק האָט זיך פון סאַמע איהר גרינדען געפונען אין אַ צווייזינענדיגער לאַגע: לויט די רעכטס-דעקלאַראַציע איהרע פון 1776 יאָהר האָט זי איהר שטאַאטס-איינריכטונג פּערזאָנליכע-פרייהייט אַלס „אוניקעל-שטיין" פערלייגט, און דאָך אין פערלויף פון 80 יאָהר האָבען די אַמעריקאַנער געפּרובט שלום צו מאַכען צווישען צוויי, גאָר ניט קיין „גלייכע פּאָאר" בתכלית-סדרים פון געזעלשאַפטליכען און עקאָנאָמישען לעבען אונטער דער אללגעמיינער רעפּובליקאַנער רעגיערונגס-פירמע; איינס איז געגרינדעט אויף פרייע אַרבייט פון אַ פרייען מענשען, די צווייטע אויף געצוואונגענע אַרבייט פון דעם רעכטלאָזען קנעכט.

דער טעות האָט זעהר לאַנג עקסעסטירט, נור דער היסטאָרישער זייגער האָט אָבגעשלאָגען אַ געוויסע שטונדע, דער קריזיס איז אָנגעקומען, חאָטש זעהר אַ בלוטיגער, ער האָט אַוועק גענומען דריי מילליאָרדען פון פאָלקס-קעשענע און דריי הונדערט טויזענד מענשען-קרבנות אויפגעפרעסען. דאָס איז אָבער געווען דער איינציגער מיטטעל.

נאָך פאַר דער רעוואָלוציאָן, ענדע 1760-טע יאָהרען

האָבען די אײַנוואָהנער פֿון ווירגיניע ניט אײנמאָל פֿאָרגעלייגט געזעצע, לויט וועלכע עס איז פֿערבאָטען דאָס אַרויספֿיהרען קנעכט פֿון אַפֿריקא; נור זיי האָבען נישט בעקומען די הסכמה פֿון ענגלישען קייזער געאָרג III. ער האָט זאָגאַר צו געשיקט צו דעם גובערנאַטאָר פֿון פּראָווינץ איין אָנווייזונג (אינסטרוקציאָן) מיט זיין אײגענער האַנד־שריפֿט, אַז „אויף קיין אופֿן זאָלען נישט דערלאָזען ווערען די געזעצע, וועלכע פֿערבאָטען דאָס אַריין פֿיהרען שקלאַפֿען". צו די בקשות „גלייך" צום קייזער פֿון די ווירגינער וועגען דיזעס, זענען גרייט געווען פֿעראײניגען זיך מיט די איינוואָהנער פֿון מערילאַנד, ניו־דזערזי, פּענסילוואַניען און פֿון אַנדערע קאָלאָניעס אין צפֿון. אַלזאָ האָט נאָך דאַמאָלס די פֿאָלקס־מיינונג אין לאַנד ערקאַנט די אונרעכטיגקייט פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין די פּראָווינציען פֿון שקלאַפֿען־אײגענטהימער אין דרום.

אין 1775 יאָהר האָט זיך געפֿאָרמירט אין פֿילאַדעלפֿיע די ערשטע פּענסילוואַניער אַבאָליציאָניסטען־געזעלשאַפֿט *). די געזעלשאַפֿט האָט פֿאַר אַ פּרעזעס געוועהלט בנימין פֿראַנקלין'ן, וועלכער האָט שוין אין 1790 יאָהר פֿאָרגעשטעלט אין קאָנגרעס אַ פּראָיעקט די שקלאַפֿעריי צו פֿערניכטען. אַ ביסעל שפּעטער נאָך דעם, האָט זיך איין אָהנליכע אַבאָליציאָניסטען־געזעלשאַפֿט געגרינדעט אין ניו־יאָרק, נאַכהער אויך אין די שטאַאטען: קאָנעקטיקוט, דעלאַוואַר, מערילאַנד, ווירגיני און אַנדערע. צו דער צייט האָט זיך שוין אַשטאַרקע אַגיטאַציאָן פֿערשפּרייט קעגען שקלאַפֿעריי אין פֿערשיעדענע אָרטער פֿון בונד. לסוף, אין 1808 יאָהר, ערשט אין 18 יאָהר אַרום נאָך פֿראַנקלינס פּראָיעקט, האָט דער קאָנגרעס בעשטעטיגט דאָס געזעץ, לויט וועלכען עס איז פֿערבאָטען צו ליפֿערען נעגרען פֿון אַפֿריקא און האַנדלען מיט זיי.

אין 1820 יאָהר, ווען צום בונד איז צוגעשטאַנען אויך

*) אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע איז געווען געגען שקלאַפֿעריי.

דער שטאַאט פֿון שקלאַפֿען־אייגענטהימער מיססורי, האָט זיך די אגיטאַציאָן קעגען שקלאַפֿעריי דייטליך פֿערשטאַרקט אונ אין קאָנגרעס, אַ דאַנק דער מיה פֿון די אַבּאָליציאָניסטען, איז דורך בּעגאַנגען אַ בּעוואוסטער געזעץ, אונטער'ן נאָמען „מיססורישע איינוויליגונג", וועגען וועלכען איז שוין גערעדט געווען אין פֿאָריגען קאַפּיטעל. לויט דעם געזעץ איז שוין ניט מעגליך געווען, דאָס שקלאַפֿעריי זאָל זיך ווייטער פֿערשפּרייטען.

פֿון ענדע די דרייסיגסטע יאָהרען, ווען לינקאָלן האָט אָנגעפֿאַנגען אין איללינאָיס זיין פּאָליטישע טהעטיגקייט אונ האָט אָפֿען פֿאַר אַלע געלאָזט הערען זיין ערשטען פּראָטעסט קעגען שקלאַפֿעריי, איז די אַגיטאַציאָן קעגען האַנדעל מיט די נעגרען ענערגיש געווען אין פֿערשיעדענע אָרטער פֿון בונד, נור די פּאַרטיי פֿון שקלאַפֿען־אייגענטהימער, וואָס איז זעלבּסט פֿאַראינטערעסירט געווען אין דעם פֿערבּרייטערען אַזאַ האַנדעל, איז נאָך דאַמאָלס זעהר תּקיף געווען אויפֿ'ן קאָנגרעס. זי האָט דורך געפֿיהרט אַ חוק, וועלכער האָט בּעפֿאָלמאַכטיגט צו אָבּלעגען אין דער זייט אַלע געוויסע פּעטיציען פֿון די אַבּאָליציאָניסטען.

אין 1854 יאָהר ווערט דער אַבּאָליציאָניסטען בּאַוועגונג, פֿאָר געקומען איין פֿערענדערונג, ווען עס איז אַלס געזעץ געוואָרען דוגלאַס'ס בּילל (פּראָיעקט) צו ערלויבּען שקלאַפֿעריי אין אַנדערע פֿרייע טעריטאָריען פֿון מערב, איבּערהויפּט אין נעבּראַסק אונ קאַנזאַס. די מיססוריער־פּשרה ווערט שוין יעצט פֿאַקטיש אָבּגעשאַפֿט.

אָבּער דאַמאָלס הויבּען אויף די אַיינוואָהנער פֿון די פֿרייע שטאַאטען אין צפֿון אַין אָפֿענטליכע מלחמה מיט שקלאַפֿעריי. בּיז יעצט האָט זייער האַס צו שקלאַפֿעריי אויפֿגעהאַלטען דער רצון צו לעבּען בּשלום מיט די שקלאַפֿען־אייגענטהימער אין דרום, אונ דעריבּער נור האָבּען זיי אָפֿענטליך ניט מיט געהאַלטען מיט די אַבּאָליציאָניסטען, ווייל די לעצטע האָבּען צו ווייט געשטרעבּט: זיי האָבּען געוואָלט די שקלאַפֿעריי גאָר אין גאַנצען פֿערניכטען. ווי אָבּער מען האָט אַוועק גענומען דעם גבול פֿון צו פֿערבּרייטערען שקלאַפֿעריי.

אין בונד, אונ עס האָט גיקאָנט געגרינדעט ווערען איז־ראַעל, איבער גאַנצען לאַנד, — דאַמאָלס איז פאַר די שטאַאטען, וועלכע זיינען פריי פון שקלאַווערייַ, געבליעבען נור אָפען צו שטרייטען קעגען דעם.

דער ערשטער פלאַץ פאַר געוואָפענטע באַגעגנישען ביז יעצט איז געוועזען קאַנזאַס. אַהין פלעגט די פאַרטיי פון שקלאַפען־איינענטהימער אין מיססורי, וואָס איז נאָהענט אַהער, צו שיקען גאַנצע באַנדעס באַנדיטען, אוואַנטיוריסטען, וועלכע האָבען זיך בעדאַרפט צו באַזעצען, אין דער לאַנד מכלומרשט אַלס עמיגראַנטען, זיי פלעגען געבען זייערע שטימען פאַר דער שקלאַפעריי, מיט זייערע גזילות אונ גוואַלדהייטען האָבען זיי געשטערט די אַרבייטזאַמע, רוהיגע איינוואָהנער צו קומען אַהער זיך בעזעצען. אַזא פראָגראַמם איז געוועזען ענערגיש דורך געפיהרט. דאַמאָלס האָבען די שטאַאטען פון צפון אָנגעהויבען צו שיקען אַהער געוועהר אונ גאַנצע מחנות פריי־וויליגע צו העלפען די אַנזידלערס (תושבים); אויסער דעם האָבען זיך פון צפון אַהין אוועק געצויגען פיעל נאָך עמיגראַנטען. דער רעזולטאַט דער פון איז געוועזען, אַז אין דעם לאַנד האָט אויסגעבראָכען איין אינגערליכער פאַרטייאישער שטרייט, וואָס האָט געדויערט, איינינע יאָהר, אונ האָט זיך געענדיגט נאָר אין 1861 יאָהר, ווען אין שטאַאט קאַנזאַס איז בעשטעטיגט געוואָרען די קאָנסטיטוציאָן, וואָס פערבאָט שקלאַפעריי. דער פיהרער, די נשמה פון דעם געוואָפענטען שטרייט פון די אַבאָליציאָניסטען אין קאַנזאַס איז געוועזען דזשאָן־בראַון. זיין נאָמען איז לסוף בעריהמט געוואָרען איבער גאַנצען בונד — ער האָט מיט זיין לעבען באַצאָהלט פאַר זיין איבער געבען זיין מיט דעם גאַנצען האַרצען דער אידעע די שקלאַפען צו בעפרייען.

דיעזער מאַן, מיט זיין טיטאַנישע ענערגיע, מיט זיין פעסטען חאַראַקטאַר אונ שטרענגע מדות, דערמאַנט די גאָר אַמאָליגע העלדען פון דעם האלב־מיטהאָלאָגישען אָלטער, זיין גאַנצעס לעבען איז געוועזען נור איין העלדענשריט אין דעם נאָמען פון גערעכטיגקייט אונ ליעבע צו מענשען, אונ זיינע לעצטע יאָהרען זענען פולל

מיט דראַמאַטישען אינטערעס. דאָס איז געווען אַ פּערוועגענס־פּערזוך פֿון דשזאָן־בראָון מיט איינעגע איבערגעגעבענע קאַמעראַדען אַרום צוטראָטען אָפֿענטליך שטרייטען מיט די פֿאָרשטעהער פֿון שקלאַפֿעריי, וואָס זייער צד איז געווען אי די רעגירונגס־מאַכט, אי דער חיל, אי די געזעצע. דער העלדישער שריט האָט זיך געענדיגט, ווי מען האָט עס פֿון פֿריהער געקאָנט ערוואַרטען, מיט׳ן טוידט פֿון די בראַווע טאַפּפּערע לייט, וואָס זענען אַזוי איבער געגעבען געווען צו דער אידעע. נור דער טוידט פֿון דעם ערשטען קאָמפּפער, וואָס האָט אָנגעפֿאַנגען די גרויסע מלחמה מיט שקלאַפֿעריי, וואָס האָט באַלד שוין אָנגעהאַפּט גאַנץ אַמעריקא, איז ניט העריבער אָהן אַרושם. דאָס האָט דעם לעצטען שטויס געגעבען יענעם געפֿיהל פֿון שקלאַפֿעריי־האַסס, וואָס איז שוין פֿערטיג געווען ביי די בעסטע אַמעריקאַנער אין הערצען; און דאָס נאָמען פֿון דעם מאַן, וואָס איז געהאַנגען געוואָרען דורך דעם געזאָצליבען משפּט, איז אין צוויי יאָהר אַרום געוואָרען איין אויסגעשריי אויף מלחמה ביי די באַטאַלליאָנען פֿון צפֿון, וועלכע זענען אויך געגאַנגען שטאַרבען אויף די פֿעלדער אין פּענסילוואַניען און מערילאַנד. מיר רעכענען נישט פֿאַר איבעריג צו ברייגגען דאָ, אין לינקאָלנ׳ס לעבענס־בעשרייבונג, אַ קורצען איבערזיכט איבער דעם לעבען, בעזאָנדערס, איבער די לעצטע יאָהרען, אַרבייט און שטרייט פֿון דעם מערקווירדיגען מאַן, דזשאָן בראָון. זיי ביידע, לינקאָלן און בראָון, האָבען געדיענט דער גערעכטיגקייט און ביידע זענען „אומגעבראַכט" געוואָרען אין שטרייט פֿאַר דעם: איינער פֿון דער מאָרדעשער האַנד, דער צווייטער — אויף דער תּליה, נאָך דעם אורטהייל פֿון געריכט.

דזשאָן בראַון איז געבוירען אין 1808 יאָהר, אין טאָרינגטאָן, אין שטאַאט קאָנעקטיקוט. זיינע עלטערין, ווי אויך לינקאָלנ׳ס, זענען געווען אַ זכר פֿון די ערשטע פּוריטאַנער, וואָס האָבען זיך באַזעצט אין אַמעריקא. זיינער איין אַלטער פֿאָטער, פּיעטער בראַון, האָט זיך אויך געפֿונען אין דעם צאָהל פֿון די ערשטע אָבות־פּילגרימער, וואָס זענען אויף דעם בעוואוסטען היסטאָרישען

שיף „מייפלאוער" געקומען אין 1620 יאָהר נאָך מאססאטשוזעטס; דאָרט האָבען זיי געגרינדעט אשטאָדט פלימוט אונ זענען געוואָרען פאטריארכען פון די איינוואָהנער אין די שטאאטען פון נייע ענגלאנד. זיין זיידע, א קאַפּיטאַן אין וואשינגטאָנס חיל, איז גע'הרג'ט געוואָרען אין דער מלחמה פאַר זעלבסט־שטאָנדיגקייט אין 1776 יאָהר. דשאָנס קינדהייט אונ יוגענד זענען העריבער אין די וויסטעס פון אָגיא, דאָס אוראַלטע לאַנד וואו עס זענען פולל גיווען אין יענער צייט טשערעדעס ביזאָנען אונ באַזעסען געווען מיט אינדיאַנער. זיין פאָטער, וואָס האָט זיך אַהער איבער געצויגען, ווען דשאָנען איז נור פינף יאָהר געווען, האָט זיך דאָ פערנומען מיט פיהצוכט אונ נאַרבעריי, וואָס ער האָט אויסגעלעהרינט פון די אינדיאַנער, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַבעשטאָנדיגע משא־ומתן. דאָס יונגעל האָט זיך נאָך פון זעכס־יאָהר אָן צו געוואהנט נאָכצוגעהן, אַרומשלעפען זיך מיט די ווילדע טשערעדעס איבער די אונענדליכע וויסטעס, אונ „רייבענדיג" זיך צווישען די אינדיאַנער, האָט ער זיך אויסגעלעהרינט זייער שפראַך. דאָס שטרענגע פרייע לעבען האָט ווי אַייזען, האַרט געמאַכט זיין נאַטור, האָט אין איהם ענטוויקעלט ענערגיע אונ זעלבסטשטאָנדיגקייט, האָט איהם אויסגילעהרינט ליידען גערולדיג, מיט וואָס ער האָט זיך אַזוי אויס געצייכענט אין זיין שפּעטיגען אונרוהיגען לעבען. אין 1812 יאָהר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה מיט ענגלאַנד, אונ זיין פאָטער האָט זיך אונטער גענומען צושטעלען פיה פאַר אַמעריקאַנער חיל, איז דאָס צוועלף יאָהריגעס יונגעל מיט די הורטען געגאַנגען. עס פלעגט אָפט בעדאַרפען ערוויטערען זיך פון דער היים מעהר, ווי הונדערט מייל.

די פאַמיליע האָט שטרענג אָבגעהיט די פוריטאַנער טראַדיציע, איז געווען רעליגיאָז, האָט זיך אויס געצייכענט מיט „שאָנע"

דיטטען (מדות), און פֿון טיעפֿער קינדהייט איז דושאָן בּראָון געוואוהנט געווען צו עהרען די ביבעל, אַלס איינציגען וועג־ווייזער דעם מענשען אין לעבען. זאָגען דעם אָמת בּעדאַרף מען, דאָס ער האָט קיין בּילדונג בּעקומען. ווי ער אַליין פֿערצייהלט „האָט ער אַ שוהלע בּעזוכט נור צייטען־וויים, איבּערהיפּענד און ער האָט זיך קוים אויסגעלעהרינט לעזען און די פֿיער כּללים „חשבּון״. צו צעהן יאָהר האָט ער בּעקומען בּיי זיין פֿאָטערס אַ בּאַקאַנטען איניגע גוטע היסטאָרישע ביכער, און פֿון דאַמאָלס האָט זיך אין איהם ענטוויקעלט אַ געשמאַק צום ערנסטען לעזען. אָט ווי ער האָט אויסגעזעהן אין זיין יוגענד־צייט:... פֿונפֿצעהן יאָהר אַלט, איז ער געווען אַ געוויכסיגער בּחור, זעהר אַ געזונדטער, גרייט און פֿאָהיג צו יעדער שווערער אַרבּייט פֿון אַ בּאַטאַגטען מאַן. בּאַקענענדיג זיך מיט'ן לעבען פֿון גרויסע לייט און געלעהרטע, מיט זייערע רעדעס און שריפֿטען, האָט ער פֿערטראַכטעט פּוסטע געשפּראַכען און פּוסטע מענשען... נאָך אין זיין יוגענד פֿלעגט ער שטאַנדיג שטרעבען צו ענדע בּריינגען דאָס, וואָס ער האָט נור איינמאָל אָנגעהויבען... בּשעת די מלחמה, ווען ער איז נאָך אַ יונגלינג געווען, איז איהם אויסגעקומען צו בּאַגעגענען זיך מיט פֿער־שיעדענע לייט, וואָס זענען נאָכהער בּעריהמטע געוואָרען, צווזעהען זייער בּענעהן און בּעהאַנדלען, און ער האָט זיין זעלבּען מיינונג וועגען זיי אויסגעאַרבּייט. אַללעס, וואָס ער האָט דאַמאָלס געזעהן, האָט אין איהם איינגעפֿלויסט אַזאַ עקעל צו קריעגס־קונסט, דאָס ער האָט בּעסער געצאָהלט שטראַף, ווי אַ קוואַקער *), די גאַנצע יאָהרען פֿון זיין סאָלדאַטען־וואוכּס, אום ניט צו רייענען אין חיל. דאָך צו ליעב דער אידעע האָט ער מערכטענטהייל פֿון זיין לעבען איבּער געגעבען צום אויסלעהרנען די פֿערהאַסטע קריעגס קונסט. די שורות, וואָס מיר האָבּען

*) אַ סעקטע אין אַמעריקא.

געבראַכט, האָט דזשאָן אָנגעשריעבען וועגען זיין יוגענד נאָך אין 1857 יאָהר. לויט די שורות קאָנען מיר זיך פאָרשטעללען זיין נאַטור: זי איז פולל התפעלות, זעהר ערינסט, שטרעבנג צו זיך זעלבסט און צו פרעמדע, דערצו נאָך ענערגיש ביז גאָר און אונערמיעדליך צו דערגרייכען דעם אידעאַל, צו וועלכען ער האָט געשטרעבט.

בשעת די זעלבע מלחמה מיט די ענגלאָנדער האָט זיך געטראָפען אַמאָל בראָונ'ן צושטעלען זיך מיט'ן הורט ביי איינעם אַפלאַנטאַטאָר אַרייבען, יענער האָט איהם זעהר פריינדליך בעהאַנדעלט, האָט איהם ביי'ן טיש געזעצט און געלויבט פיר די גאָסט זיינע פאָהיגקייטען און בראַוועריי, אין דעם הויז צווישען די איבעריגע בעדיענער, האָט זיך אויך געפונען אַ קליינס נעגעריל, וועלכען מען האָט דאָ געהאַלטען, ווי אַ הינטעל, מען פלעגט איהם שלאָגען אין זיין געגענוואַרט מיט וואָס נור מען פלעגט געפינען. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף דזשאָנ'ס ערהאַבענע נשמה, ער האָט זיך פאַרקלערט וועגען דעם שיקזאַל פון די קליינע נעגערלאַך, וואָס זענען נעבעך אָבגעריסען פון זייערע אָלטערען. פון דאַמאָלס אָן — אַזוי דער צאָהלט ער זעלבסט — האָט ער אַשבועה געגעבען צושטרייטען איביג מיט דער שקלאַפעריי, און איז געוואָרען גאָר אַבעשלאָסענער אַבאָליציאָניסט.

ביז צוואַנציג יאָהר האָט דזשאָן געהאָלפען דעם פאָטער אין זיין פעלל-פאַבריק אין אָגיא, דאָרטען האָט ער אויסגעפילט אַלע פערשיעדענע פפליכטע: ער איז געוואָרען אי אַ מייסטער אי אַ קובער פאַר די ארבייטער. אין יענער צייט, לויט דעם פאָטערס ראַטה און זיין אייגענעם וואונש, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יונגע, אַ וואוהלע מאָדכען, וואָס איז געוועזן שטרייג פוריטאַניש ערצויגען. די דאָזיגע ווי ער אַליין פערצאָהלט — „האָט געהאַט אויף איהם גאָר אַ גוטע ווירקונג ביז סאַמע איהר טוידט: זי מיט איהרע איינפאַכע גוטע-שטילע ראָד פלעגט אויפהאַלטען דאָס „אויסשיסען" פון זיין שטאָלציגען און איינגע-

שפּאַרטען כאַראַקטער. נאָך איהר טויט, ווען דזשאָן איז פערציג יאָהר אַלט געווען — האָט ער אַ צווייטען מאָהל גע־הייראַטעט; די צווייטע פרוי איז ביי איהם געווען די נאָהענטע־סטע מיט־אַרבייטערין און סאַמע איבערגעגעבענע פריינדין ביי דער זעלבער שווערער אַרבייט, צו וועלכער ער האָט געאָפּפערט אַ גרעסטע העלפט פון זיין לעבען. בראון האָט געווען געפרובט צו גרייטען זיך צו קאָנען זיין אַ פּאַסטאָר (אַלוטהעראַנישער גלח), נור דאָס האָט איהם ניט געלונגען: עס האָבען איהם מיטטעלען אויסגעפעהלט, און ער האָט זיך צוריק גענומען פאַר זיין יוגענדס־אַרבייט — גאַרבעריי. מיט דיעזער אַרבייט האָט ער זיך בעשעפטיגט ביז די 40־סטע יאָהרען אין פערשיעדענע שטאָדט פון אָגיא און פענסילוואַניען.

אין 1838 יאָהר, ווען ער האָט געוואוהנט אין אָגיא און האָט זיך דאָרט באַקאַנט שוין מיט פיעל פון די בעסטע אַבאָליציאָניסטען, איז ביי איהם פערטיג געוואָרען אַבעשטימטער פּלאַן פון אַ געוואַפּענטען שטרייט מיט דער שקלאַפעריי; די אידעע פון דעם האָט אין איהם ערוואַכט נאָך אין זיין קינדהייט און פון דאַמאָלס ניט אָבגעלאָזט דער זעלבער פּלאַן, אויסער איינינע פּרטים, איז ווירקליך איבער געבליעבען גאָר ניט אומ־געביטען ביז זיין ווירגינער עקספּעדיציאָן אין 1859 יאָהר. נור מיט איין יאָהר פריהער האָט ער איהם ענטדאָקט אין אַללע פרטים צו איינינע פון זיינע סאַמע נאָהענסטע פריינר און גלייך־דענקענדע אין באָסטאָן. אין דער צייט אָבער האָט ער גע־האָריג אויסגעלעהרינט די קריעג־קונסט מיט אַלע פּרטים, און נאָך אין 1848 יאָהר, אין דער צייט פון זיין רייזע איבער'ן קאָנטענענט *) — האָט ער זיך אַללעם בעמיהט צו באַקאָנען זיך מיט'ן צושטאַנד און אַלע קלייניגקייטען פון דער מיליטער־אָרגאַניזאַציאָן אין איראָפּאַישער אַרמיי.

דער עיקר פון זיין פּלאַן אויף צושטרייטען מיט דער

*) קאָנטינענטי הייסט אייגענטליך יבשה, נור אונטער דעם נאָמען ווערט אָפּט גימיינט איראָפּע.

שקלאַפעריי איז בעשטאַנען אין דעם, דאָס מען זאָל אונער־
ווארטעט גאָר אויפהויבען אַ פּאַרטיזאַנישע מלחמה אין די סאמע
מיטעל־פונקטען פון דרום מיט זיינע שקלאַפען־אייגענטהימער.
ער האָט גערעכענט, אַז מעהר זענען דאָ, צווישען די איינוואָהנער,
די שווארצע, די אַבאָליציאָניסטען וועלען מיטווירקען, די פרייע
שטאאטען פון צפון דאָס זעלבע, — אַלזאָ, ווען אויף די
פלאַנטאַציעס וועלען פלוצלינג אָנפאַלען די מחנות, וועלבע
ווילען זיך בעהאַלטען אין די באַרגעדיגע אָרטער, וואָהין מען
קאָן נים צוטראָטען, וועט עס — האָט ער געדענקט —
אויפוועקען אַ מרידה פון די מעהרערע שווארצע. די ער־
שטוינטע פלאָנטאַטאַרען וועלען זיך דער שרעקען און זיי
וועלען געצוואונגען זיין צו ענטזאָגען זיך פון דער שקלאַפעריי.
אויף אַזא אופן האָט דושאָן בראון געהאָפט צו ערדייכען זיין ציעל
צו בעפרייען, אָהנע בלוט כמעט צו פערגיעסען.

מיר וועלען דאָ נים אונטערנעהמען צו ערקלעהרען אויף
וויפיעל די אידעע האָט געקאָנט זיין פראַקטיש ערפילט, מיר
וועלען נור באַמערקען, אַז דער פלאַן פון אַ קאָמפּאַניע צו
שטרייטען מיט דער קנעכטשאַפט איז ביי דושאָנ׳ן אויס געאַרבייט
געווען מיט אַזא „גרונדליכען” וויכסען די קריעג־קונסט, דאָס די
פריינד זיינע, פאַר וועלכע ער האָט עס ערקלאָהרט אין 1858
יאָהר, זענען איבערראַשט געוואָרען פון זיינע אָרגאַניזאַטאָרשע
פאָהיגקייטען. ער האָט פאָראויס גיזעהן אַלע קלייניגקייטען אין
דער פראַקטיק, אללעס, וואָס האָט געקאָנט נים געלונגען, אַלע
אונפאַסענדע בעדינגונגען, דער צו האָט ער וואונדערליך געוואוסט
דעם אָרט, וואו עס האָט געזאָלט זיין די קריעג. יאָ, דושאָן
בראָון האָט נים געפונען קיין חברים פון דער צאָהל נאָהענטע
און איינפלוסענדע אַבאָליציאָניסטען אין באַסטאָן, פיר זיין
ריזיקאַלישען, נאָך זייער מיינונג, אונטערנעהמונג; נור דאָך האָבען
זיי נים געקאָנט שטעהן פון וויטען דער היסער התפעלות און
אַזא פעסטין גלויבען אין דעם גליקליכען סוף פון דער פאָרנעמונג,
פיר וועלכע דער מענש האָט געאָפּפערט זיין גאַנצע לעבין, —

און זיי האָבען איהם מבטיח גיוועזען זייער שטיצע נישט בפרהס׳א.
„מיר האָבען פאר די אויגען גיזעהן — אַזוי האָט געשריעבען איינער פון זיי צולעצט — איין עלענדען אַלטינקען, וואָס האָט אויסערוואָהלט, זיין גורל אין לעבען, אַרמוטה, האָט געאָפּפערט מיט זיין געזונד, רוה און „שאָנעס״ נאָמען און איז גרייטיג געוועזען אָבצוגעבען זיין גאַנץ לעבען נור צובעפרייען די אונטערגעדריקטע ראַסע, צו אָבוואַשען דעם פלעק פון קנעכטהייט, וואָס האָט פערפלאַמירט זיין פאַטערלאַנד״. שוין שפעטער, ווען דזשאָן בראָון האָט אריין געפאַלען אין די הענד פון דער ווירגינישע רעגיערונג צוזאַמען מיט די גאַנץ געבליבענע אַנטהייל־נעהמער, האָט איינער פון די אויסגעצייכענטע צווישען די פלאַנטאטאַרעס אין דרום, אַזוי אויסגעדריקט זיך שריפטליך וועגען דער אונטערנעהמונג: „נאָך איהר בעקלערונג און ערפילונג איז דאָס געוועזען איינע פון די געפעהרליכסטע מרידות.

די אידעע צו שטרייטען מיט דער שקלאַפעריי האָט שוין פון לאַנג דורגעדרינגען זיין גאַנצען לעבען און איז ביי איהם שטענדיג געשטאַנען אויפ׳ן ערשטען פלאַן, ער האָט זיך זעלבסט און זיינע קינדער ערצויגען צודיענען, דאָס איז ביי איהם שוין געוואָרען אַ הויליבע געוואָהנהייט ווי, למשל, דאַוונען פריה און אָבענד.

די פרוי זיינע האָט איהם געשוו.ריען צו העלפען אין דער אַרבייט, ער האָט שטענדיג געזוכט פאַסענדע קאָמפּאַניאָנען צו זיך. איינער אַ פריינד זיינער האָט איהם געפרעגט (אין 1857 יאָהר), ווי אַזוי איז דאָס זיין פרוי מסכים צו זיין אומוואָגלען, דער צו איז זיין לעבען דאָך שטאָנדיג אין געפאַהר״. דערויף האָט דזשאָן גיענטפערט: „איך האָב איהר שטאָנדיג געזאָגט, אַז ווען די צייט פון שטרייטען וועט קומען, מוזען מיר זיך צושיידען, זי איז שוין לאַנג גרייט געווען צו דעם און אַז די צייט צו אָבפאָהרען איז טאַקע געקומען, איז

זי גרייט געווען מיט רפואות אונ באַנדער פאַר פערוואונדעטע". נאָך ווייניג, האָט זי נאָך מיט איהם געשיקט איהרע צוויי זיהן צו שטאַרבען, — זיי זענען פאַר זייגע אויגען געטוידט געוועזן.

אין 1849 יאָהר האָט זיך דזשאָן בראָון בעקאַנט מיט דעם בעוואוסטען אַבאָליציאָניסט געררי סמיט, איין אייגענטהימער פון פיעל ערד אין די וואָלדער פון אַדיראָנדאַק. דער לעצטער האָט אין גאַזעטען געלאָזט פובליצירען, דאָס די נעגערין קאָנען ביי איהם בעקומען חלקים ערד אָהנע לוין צו מאַכען פערמעם. דאָ האָט זיך בראון צו איהם געווענדעט מיט אַזא פאָרלעגונג: „איך בין ערוואַכסען אין די וואָלדער אונ בין באַקאַנט מיט'ן אויפבויען נייע ישובים, איך וועל זעלבסט אַיינפיהרען אַ פערמע צווישען אַייערע נייע ישובניקעס אונ וועל זיי לערנען, ווי צו ריין מאַכען אונ בעאַרבייטען אַ נייע ערד, איך וועל זיי, פיעל מעגליך איז, געבען אַרבייט ביי מיר, אונ אַלער פאַל בעזאָרגען, ווי אַ פאָטער". סמיט האָט אָנגענומען זיין פאָרלעגונג אונ האָט אָבגעגעבען זיין נייעם פריינד אַ חלק ערד אויף געוויסע פרייע בעדינגונגען; דזשאָן מיט זיין גאַנצער געזינד האָט זיך באַלד באַזעצט דאָרטען אונ האָט אָנגעפאַנגען צו לעבען, ווי אַפיאָנער, געהאָרעוועט שטאַרק, ווי איהם איז דאָס בעקאַנט געווען פון דער יוגענד נאָך. באַזעצענדיג זיך אויף דעם אָרט, האָט דזשאָן אַרויס געקוקט אַ דריי-פאַכען צוועק: אויסער זיין וואונש צו בעהילפיג זיין די אונגליקליכע נעגרען, האָט ער אויך געהאָפט צו געפינען אונ פערטיג מאַכען צווישען זיי פרייווילינע פיר זיין קינפטיגער ווירגענער עקספעדיציאָן, וואָס איז לייכט געוועזן צו ערדייכען אין אַזא אָבגעזאָנדערטען ווינקעל; אונטערוועגענס האָט ער געוואָלט אויך פערזיכערן זיין געזינד מיט איין אייגענעם ווינקעל צו יענער צייט, ווען איהם וועט אויסקומען צו פערלאָזען זיי. די לעצטע וואונש זיינע איז ווירקליך ערפיללט געוואָרען אונ סוף-כל-סוף איז ער זעלבסט בעגראָבען געוואָרען אין דעם מאַלערישען טהאָל, וועלכער איז איז געוועזן אַרום געקרייזט מיט באָרגער; דאָרטען, וואו

ער האָט פערבראַכט איינִיגע יאָהר אין פלייסיגע אַרבייט.

דזשאָן בראַונס זיהן האָבען זיך פון אָגיא אַריבער געצויגען אין קאַנזאַס, ווי נור עס איז אַדורך דער געזעץ, וואָס האָט ערלויבט שקלאַפעריי אין דעם פרייען קאַנזאַס. זיי האָט געצויבערט דאָס פרייע לעבען, פוהל אונרוהה אונ אַלע מאָגליכע צופאַלען אין דעם נייעם לאַנד. באַלד האָבען זיך דאָרטען אָנגעפאַנגען די אויפרעגונגען, ווייל די שקלאַפען־אייגענטהימער פון דרום האָבען וועה אָנגעטהון די פרייע קאָלאָניסטען, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט, דאַמאָלס איז דזשאָן בראַון אויך צוגעשטאַנען צו זיינע זיהן. כמעט אין אללע פרייע שטאַאטען זענען איינגעאָרדענט געוואָרען די קאַנזאַסער קאָמיטעטען — אַזוי האָבען זיי זיך גערופען — אום צו זאַמלען געלט, צו שטיצען דער עמיגראַציאָן אונ צו בעוואָפענען די קאָלאָניסטען. די גאַנצע לאַנד האָט נור אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער וויטער טעריטאָריע, עס איז אפילו געפאָרמירט געוואָרען איין נאַציאָנאַל־קאָמיטעט צו העלפען די פרייע קאַנזאַסער; אין דעם קאָמיטעט אַלס מיט גליעדער האָבען זיך געפונען לינקאָלן, סמיט, סיוּאָרד אונ נאָך אַנדערע בעריהמטע פאָרשטעהער פון דער אַבאָליציאָניסטישער פאַרטיי. דזשאָן בראַון איז געוואָרען פעלדהערר אין דער מלחמה מיט די שקלאַפען־אייגענטהימער, ער איז געשטאַנען איבערהויפט אין דער מחנה פון די דאָרטיגע פרייוויליגע, אין וואָסערע עס האָבען אַנטהיילגענומען זיינע זיהן, צו פערטהיידיגען די פרייע קאָלאַניסטען פון די מיססוּריער באַנדע „גזלנים". חאָטש די מלחמה אין קאַנזאַס איז ניט געווען לויט זיין פלאַן, דאָך האָט ער דעם צופאַל בענוצט אַלס פאָרבערייטונג אונ אָנפאַנג צו אָרגאַניזירען זיין פּעול מעהר ערנסטען טהאַט, וועלכען ער האָט געהאַט במחשבה, מיט זיין געוואָהנליכע ענערגיע אונ בעגייסטערונג, נישט געשאַנעוועט ניט זיך, ניט אייגענע, האָט ער זיך געוואָרפען צו שטרייטען מיט דער שקלאַפעריי, אונ נור איהם דאַנקענד, האָט עס געלונגען די פרייע קאַנזאַסער קאָלאָניסטען גובר זיין זייערע שונאים. דער נצחון איז אין

אלגעמיין וויכטיג געוועזן אין דער רעגירונג. דער „טשארלס־טאונער מערקורי“ — איינפלוסרייכע גאזעטע אין דרום — האט אזוי געשריבען אין אנפאנג דער מלחמה: „אלע פארטייען זענען מודה אין דעם, אז אין דער יעצטיגער קאנזאסער קריעג ווענדט זיך דער וויכטיגסטער שיקזאל פון קנעכטהייט און אבאליציאניזם: וועט דרום גובר זיין, דאמאלס איז דער אבאליציאניזם צערשלאגען און גאנצליך אבגעשוואכט, וועט אבער דרום בעזיעגט ווערען דאמאלס שטארקט זיך דער אבאליציאניזם און וועט אימער מעהר און מעהר „עזות“ בעקומען אין זיינע פאָדערונגען, ביז ער וועט אין גאנצען פערניכטען דעם דרום“.

פון די גרעסטע געפעכטע ביי דער פארטיזאנישער מלחמה רעכענט מען דעם קאמפף ביי אסאוואטאמי, א קליין שטעדטעל נעבען מיססורי. דארטען האט דזשאן בראון מיט דרייסיג פריי־וויליגע מאן צערשלאגען און פעריאגט די מיססוריער באנדע, מעהר פון דריי הונדערט מאן. אין דער געשלאג איז איין זוהן זיינער געטויטעט געווארען, א צווייטער — געפאנגען און נאכהער דולל געווארען.

די איננערע מלחמה אין קאנזאס האט זיך, היפענדיג, געצויגען פון 1856 ביז 1858 יאהר, און דזשאן בראונס נאמען איז בעריהמט געווארען איבער'ן גאנצען בונד, נור זיינע גאר „ווייט־לויפיגע“ מיינונגען וועגען דעם שטרייט און שקלאפעריי האבען קיינע אונטערשטיצע באגעגנעט צווישען די קאנזאסער קאלאניסטען, וועלכע זענען גאר נישט „אויפגעלייגט“ געווען צו מאכען ווייטערע שריטטע, אלס דאס בעשיצען זייערע ישובים פון די אנלויפענדע באנדען פון די שקלאפען־אייגענטהימער. זיי האבען גאר ניט מיטגעפיהלט דער מלחמה, וואס דזשאן בראון האט געוואלט איבערטראגען אין מיססורי. לויט זיין מיינונג, וואס איז טאקע באלד נאכדעם אויסגעקומען אמת — איז קיין עמאנסיפאציאן בשלום נישט מעגליך געווען; עס איז שוין צו ווייט אוועק“. ער האט זיך געווענדעט אין פערשידענע קאמיטעטען, געבעטען הילף אויף ווייטער,

געבעטען אָרגאַניזירען אַ מחנה אויף צו שטרייטען אין מיססורי. אויסער דעם האָט ער דורך גאַזעטען זיך געווענדעט צו דער געזעלשאַפט זעלבסט. דאָס אַלעס האָט אָבער ווייניג געהאָלפען, וויל דאָס רוב אבאָליציאָניסטען, אפילו דאַמאָלס, האָבען נישט מיטגעהאַלטען מיט זיינע „ווייט־לויפיגע" מיינונגען. בלייבענדיג גאָר אָהנע שטיצע, איז ער מיט אַ קליינע חברה קאַמעראַדען, וואָס האָבען מיטגעפיהלט זיין אידעע, גאָר מיט קליינע מיטעלען, אַם ענדע 1858 יאָהר, הערינבער קיין מיססורי אונ האָט דאָרטען בעפרייט די שקלאַפען פון פערשיעדענע פלאַנטאַציעס. דאָס האָט אין גאַנצען אויפגעהויבען קעגען איהם אי די קאַנזאסער איינוואָהנער, אי די אדמיניס־טראַציאָן, וואָס האָבען צוגעזעהן אין זיינע מעשים אוואַהרע צערשטערונג די געזאָטצע אונ רוה פון דעם לאַנד. סוף־כל־סוף, ווען ער האָט אָנגעווארען זיינע צוויי זיהן אונ זיין גאַנצע אייגענטהום, איז איהם אויסגעקומען צו בעהאַלטען זיך, ווי עפּיס אַ פיהרער פון אַ באַנדע גזלנים אונ לויפען פון דעם זעלבען לאַנד, וועלכעס ער זעלבסט האָט געראַטעט פון די שקלאַפען־געוואַלדהייטען. אונז בלייבט נור צו בעריהרען דעם לעצטען אונ הויפּטס פעריאָד פון זיין לעבען, דאָס וואָס מען רופט אָן זיין „ווירגינישע קאָמפּאַניע", וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט זיין טויט.

אין אַ בּאַרג־קלופט, אויפ'ן גרעניץ פון שטאַאטען מערי־לאַנד אין ווירגיניא, איז געשטאַנען אַ שטאָדטעל גאַרפּערס־פערדי, אין דער צייט פון דער איננערליכער שטרייט כמעט אין גאַנצען צערשטערט פון חיל פון צפון אונ דרום, וועלכע האָבען זיך אַלץ איבער דעם פונקט געשטרייט. אין שטאָדטיל, ניט ווייט פון ברעג טייך, האָט זיך געפונען דער בונד־אַרסענאַל, וואו עס האָט זיך געפונען גאָר פיעל פערשידענע געוועהר. אין דעם קאַנט, נאָהנט פון דער אַמעריקאַנישער הויפּטשטאָדט, אַ קאַנט פערפולט מיט היסטאָרישע זכרונות,

וועלכע שטעלט זיך פאר אלס די טערמאפילען *) פון אלטען שקלאפען־נעסט אין ווירגיניע, — דארטען האט דזשאן בראון געקלערט צו אנפאנגען זיין אונטערנעהמונג, מיט דעם פלאן פון וועלכען מיר האבען זיך שוין בעקאנט.

א טאג אויף צו בעפאלען גארפערס־פערי אונ דעם ארסענאל איז אנגעצייכענט געוועזען דער 17 אקטאבער פון 1852 יאהר. צו 30־סטען יוני האט ער זיך שוין מיט זיינע קאמעראדען געפונען אין דעם געגענד. אלס איין ארט, וואו צו אבלעגען געוועהר אונ איין פלאץ פאר זיך אויף דער צייט האט ער אבגעדונגען א קליינע פערמע דא נאהענט. מערסטענטהייל פון זיינע קאמעראדען פלעגען זיך בעהאלטען ערגיץ אין די מקומות אונ ביי נאכט נור פלעגען זיי אריין קומען אין דעם געדונגענעם הויז. די גאנצע מחנה זיינע, מיט וועלכע ער האט בדעה געהאט צוקלאפען די מאכט פון די אלמעכטיגע פלאנטאטארס, איז בעשטאנען פון 23 מאנער, אנגעמענדיג שוין אין חשבון אי איהם זעלבסט, זיינע דריי זיהן אונ צוויי אידעמס; דא האבען זיך אויך געפונען 6 נעגרען. נור דאס זענען אלין געוועזען מאננער מיט זעלטענזאמער ענערגיע, אונבעגרענצטע טאפפערקייט אונ מיט גאר איין ערהאבענעם מאראלישען אידעאל; מיט זייער גוטען ווילען זענען זיי אוועק אויף דעם געפעהרליכען אונטערנעהם פעסט ענטשלאסען צו שטארבען פאר דעם אמת, צו וועלכען זיי האבען געדיענט מיט אמונה אהנע א ברעג אין זייער פיהרער.

פון די בעמערקונגען, וואס זיינען איבער געבליעבען נאך בראונ'ן, געשריבענע מיט זיין אייגענער האנד, איז צו זעהן, אז די קאמעראדען פון דעם ערשטען אונטערנעהמונג זיינעם האט ער שוין פאר רעכענט אלס אפעציערען אונ עלטסטע איבער די טהיילען פון דער קינפטיגער גרויסע מחנה, וועלכע האט געזאלט אויסוואכסען פון דעם הויפען טאפפערע לייט. די

*) א שכאלע בארג־קלופט, וואו עס האבען 300 גריכען געשטרייט געגען א גרויסע מחנה פון פערסיאנער.

גאַנצע אונטערנעהמונג איז געהיט געווען בסודי־סודות, אפילו גאָהנטע מיטפּיהלענדע אבאָליציאָניסטען אין צפון האָבען פון דעם געוואוסט נור אין אַלגעמיין, אָבער קיינע פּרטים. מיטלען האָט ער באַזעסען גאָר קאַרגע, — 1,000 דאָלאַר, וואָס האָט געשענקט איין אַנטהיילנעמער אין דער עקספּעדיציאָן. דעם משך פון דריי מאָנאַטען, וואָס דזשאָן בראָון מיט זיינע קאַמעראַדען האָבען געוואוינט אויף דער פּערמע אין מערילאַנד און געשטודירט מיט חריפות אַלע פּרטים און די געגענ־שטאַנדע פון דעם קאַנט, האָבען זיי זיך אַזוי בעהיטזאַמס גע־האַלטען, אַז די רוהיגע דאָרפס־לייט, מיט וועלכער זיי האָבען אַ פערקעהר געהאַט, איז נישט איינגעפאַלען גאָר אין זינ׳ן, וואָס פאַר אַ פערוועגענסטהאַט עס האָבען דאָ אונטערגענומען אַט די וואַהלע, שטילע מאָנער, וואָס וואָהנען צווישען זיי. אין דער צייט איז צו בראונ׳ן אויף דער פּערמע געקומען אַ זעכצעהניאַהריגע טאָכטער זיינע מיט אַ שוועגערין און האָבען פערבראַכט אַ מאָנהייט ביי איהם, דאָס זענען געווען די לעצטע גליקליכסטע טאָג אין זיין לעבען. אין אָנפאַנג אָקטאָבער האָט זיין זוהן, אָליווער, אָבגעפיהרט די גאַסט אויף דער פּערמע, וואו זיין פרוי מיט די איבעריגע טאָכטער און שוועגערין האָבען זיך געפונען, נאָכהער האָט ער זיך צוריק געקעהרט צום פאָטער.

דעם 16־טען אָקטאָבער, אָבענד צייט — חשך איז געווען, אַ רעגען האָט געגאָסען, — האָט דזשאָן בראון פער־זאַמעלט זיינע קאַמעראַדען אויף דער פּערמע. „מאַכט זיך גרייט מיט געזועהר, מיר וועלין געהן אויף פּעררי" — האָט ער צו זיי געזאָגט. ער האָט זיך אַריין געזעצט אין אַ צוגעגרייטעם וואָגיל, האָט אַהין אַוועק געלעגט אַ שווערען האַמער, אַ לאָם און נאָך אַנדערע אינסטרומענטען און די קליינע מחנה האָט זיך אַוועק געצויגען קליינע חברות־ווייס, כדי ניט צו וואַרפען זיך ווען אין די אויגען. אויפען עק בריק. אויף די ווירגינער זייט, האָט זיך זיי געטראָפען דער שומר, האָבען זיי איהם באַלד אַרעסטירט, און דאָס קליין הויפעלע מאָנער, פון קיינעם ניט באַמערקענד, איז צו געקומען צום טהויער פון אַרסענאַל, וואָס האָט זיך

געפֿונען אויפֿין סאַמע בּרעג. דאָ האָבען זיי זיך צו געשטעלט
האַלב צעהן אָבענד; מיט די געצייג, וואָס איז אין וואָגעל
געווען, האָט מען אויפֿגעבראָכען די שלאָסער און מען האָט זיך
געלאָזט אויפֿען הויף. פֿערהאַפּענדיג צוויי שומרים דאָ גאָר
אָהנע רעש. דזשאָן בּראַון און צוויי זיינע קאַמעראַדען זענען
געבליעבען ביי'ן טהויער אלס שומרים; פֿיערצעהן מאַנן זענען
אַוועק פֿערהאַפּען דעם זאַוואָד פֿון געוועהר. אָליווער בּראַון
מיט נאָך אַ קאַמעראַד האָט פֿערנומען דעם בּריק, דאָרטען האָט
ער פֿערהאַלטען אייניגע מענשען און האָט זיי אָבגעשיקט צום
פֿאָטער אין אַרסענאַל. דאָס אַלעס האָט זיך אָבגעטהון אָהן איין
שאָס, און צו האַלבּע נאַכט איז דאָס גאַנצע שטאָדטיל גאַרפּערס־
פֿערדי און דער אַרסענאַל מיט זיינע מייסטערסקעס ביי דזשאָן
בּראַון'ן אין די הענט געווען. אין דער צייט האָט ער אַוועק
געשיקט אַ טהייל פֿון זיינע מענשען אין די אַרומיגע פלאַנטאַציעס
צו בּעקומען לעבּעדיגע „משכנות" פֿון די שקלאַפֿען אייגענ־
טהימער און צו בּעפֿרייען די שקלאַפֿען! צו מאָרגענס פֿריה האָט
שוין דזשאָן געהאַט מעהר פֿון דרייסיג געפֿאַנגענע. פֿערשלאָסענע
אין אַרסענאַל. אין דעם חשבון האָט זיך אויך געפֿונען דער
פּאָלקאָווניק וואַשינגטאָן, אַ פֿעראָזאָן פֿון די הויפּט־רעגיערענדע
אין ווירגינע, אַ זכר פֿון דעם גרויסען־פּרעזידענטעם. בּיז די
צעהענטע שעה אויף מאָרגען פֿריה איז נאָך איינער פֿון בּראַון'ס
קאַמעראַדען ניט געהרג'ט געווען; זיי האָבען דאָס שטאָדטיל
אין זייערע האָנד געהאַלטען, מיט זייער אונערוואַרטעטען,
עזות'דיגען בּעפֿאַל האָבען זיי אַזאַ טוידט־שרעקעניש געוואָרפֿען
אויף דאָס שטאָדטיל און דעם געגענד אַרום, דאָס ווען דזשאָן
וואָלט טאַקע צו געהאָרט דעם ראַטה פֿון זיינע פֿריינד און
וואָלט בּיז „בּעגינען" בּעהאַלטען זיך מיט זיין מחנה אין די
בּאָרג, וואָלט דער פּרוב פֿון דאָס בּיסעלע דרייסיגע
מאָנער געווים בּעקומען גאָר איין אַנדערע רעזולטאַט
און אפשר וואָלט עס „געקערעוועט" גאָר דעם צוג פֿון די
היסטאָרישע בּעגעבּענהייטען. נור, צוליעב פֿערשידענע אומ־
ראָדענישען, האָט ער אַלץ אָבגעצויגען זיין אָבטראָטען, בּיז עס

איז שוין געוואָרען צו׳ם לעצט ניט מעגליך טאָקע.

אין דער פריה האָבען די איינוואָהנער פון גאַרפערס־פערדי און די אַרומיגע ערוואַכט אונ אויס געטשוכעט פון די טוידט־שרעקעניש, זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו זאַמלען זיך אַרום אַרסענאַל, עס האָט אויסגעבראָכען אַ פערוועגענס־שטרייט, אַללע זיינע, וואָס האָבען זיך געפינען ביי׳ם טייך אונ אין זאַוואָד פון די געוועהר, זענען געוועזען ערמאָרדעט אָדער געפאַנגען. נאָך מיטאָג האָט ער געזאַמעלט צו׳ם טהויער פון אַרסענאַל די רעשט פון זיין מחנה אין דער מאַשינען־געביידע אונ האָט נאָך אַ פּאָר שעה אָבגעריינגעלט זיך פון דער מאַסע געוואָפּענטע לייט, וואָס האָט איהם אַרום געקרייזט פון אַללע זייטען. צו דער נאַכט, ווען צום שלאַכטס־אָרט איז מיט אַ ראָטע זעלנער געקומען פון וואַשינגטאָן דער פּאָלקאָווניק לי (דער קינפטיגער חיל־אָנפיהרער ביי די דרומס׳לייט), זענען פון דזשאָנ׳ס קאַמעראַדען נור זעכס שוין געבליבען; פון די זענען אויך צוויי פערוואונ־דעטע געוועזען אונ ער זעלבסט איז „אָבגעגאַנגען״ מיט בלוט. זיינע צוויי זיהן זענען שוין טוידטע געלעגען נעבען איהם.

פון דאָס הויפען מענער, מיט וועלכע דזשאָן בראָון האָט ברעה געהאַט צו אָנפאַנגען לויז מאַכען דעם יאָך פון די שקלאַפען־אייגענטהימער, זענען פערניכטעט געוואָרען אין שטרייט אונ אויף דער תליה 17 מענשען, 7 פון זיי זענען זיינע פאַמיליען־גליעדער געוועזען.

אַפערוואונדעטען, קוים אַלעבעדיגען שוין, האָט מען דעם אַלטען מיט זיינע מיטשטרייטער גאַנץ געבליבענע געבראַכט אין טשאָרלסטאַונער טהורמע, וואו מען האָט זיי חוקר־ודורש געוועזען אונ אַ משפט געגרייט. דאָס האָט געדויערט ביז ענדע נאָוועמבער, אין דעם פערלויף פון זעכס וואָכען צייט זיין פערפעסטיגען, האָט דער שטאַרבענדער מאַנן נישט אויפגעהערט זיין מונדליכען אונ געשריבענע פראָפאַגאַנדע קעגען קנעכטהייט. מיר ברענגען דאָ איין „אויסצוג״ פון זיין לעצטען — זעהר אַ חאַראַקטערישער־בריף צו דעם בעוואוסטען אין אַמעריקע פּאַסטאָר אונ פעדאַגאָג געמפּרי. דער בריף איז געדרוקט געוועזען נאָך פאַר זיין לעבען

און האָט איהם ערוואָרבען אללגעמיינעס מיטגעפיהל און אַכטונג, און מען האָט זיין טוידט בעטראַכט אלס אַ הייליגען קרבן...

„טהייערער פריינד, שרייבט ער — פאַר מיר ליעגט יעצט דיין גוטער בריף. אויף ווי פיעל מיר איז בעוואוסט, בין איך דער ערשטער פון אונזער משפחה, רעכענענדיג פון פעטער בראון, וואָס איז פערזעצט אין תפיסה און פערמשפט צו דער תליה. נור, טהייערער פריינד, דאָס בעדאַרף דיך ניט קימער'ן, דו געדענקסט, ווי אַזוי עס איז געהרגט געוואָרען אונזער זיידע אין 1776 יאָהר, און ווען נור די אומשטאַנדען זאָלען זיין אומגעביטען, וואָלט איהם אויך מיט עשאַפאָט געשמעקט. אפשר איז דאָ קיינע אורזאַכע אויף צו פרייען זיך פון דעם סוף, וואָס מיר שטעהט פאָר, נור איך שרעק זיך ניט פאַר דעם... קיינע ליידען, קיינע „צראָבפאַלען" שפיר איך ניט צוליעב דעם, איך שעם מיך גאָר נישט פאַר מיינע קעטען און טוידט, וואָס ערוואַרטעט מיך... אין דעם קינפטיגען מאַי וואָלט מיר זעכציג יאָהר געוואָרען, איך האָב גענוג פערגיגען גענאָסען אויף מיין לעבען און בין העכסט גליקליך געווען, ווייל איך בין געוואָהנט געווען צו בעטראַכטען דעם צווייטענס גוטען-לעבען, ווי מיינעם זעלבסט... פאָלשטענדיג געזונד בין איך מיין גאַנצען לעבען געווען און נאָך ביז יעצט ברויך איך קיינע ברילען... און יעצט, ווען מיר קומט אויפען זינען אַרויף, ווי לייכט וואָלט איך געקאָנט צערשטערען דאָס, וואָס איך האָב שוין אַיין געאַרבייטעט, דער נוצען פיר דער פרייהייט פון מענשען, דערוועג איך זיך גאָר ניט צו באַגער'ן אלענגערען לעבען"...

די שאָנדליכע שטראַפע, וואָס האָט ערוואַרטעט אַזא מאַן, וואָס זיינע גוטע מדות האָבען נור וואונדער אַרויס גערופען, האָט אויפגעוועקט אין די פרייע אַמעריקאַנער שטאַאטען די הייסטע געפיהלען פון מיטלייד און רחמנות. אומעדום האָבען זיך מיטינגען געזאַמעלט, עס זענען דערלאַנגט געווען פעטיציעס, אין אַלע גאַזעטען האָט מען געדרוקט אַרטיקלען, וועלכע האָבען אַרויס גערופען

רחמנות פון דזשאָנס ריכטער. נור די ווירגיניער איינגע־
טהימער זענען אָבער געבליבען שטייף און האַרט און עס איז
פערמשפט געוואָרען צו דער תליה דער מאַן, וואָס האָט
אַ באָזע פניה געהאַט אויף זייער גליק.

פאַר דער סאַמע שטראָף, וועלכע האָט געפאָלגט דען 2־טען
דעצעמבער 1859 יאָהר, האָט דזשאָן בראון איבער געגעבען צו
אַ שומר פון טורמע אַ שטיקעל פאַפיר מיט די פאָלגענדע
שורות:

„איך, דזשאָן בראון, בין יעצט אין גאַנצען איינגעגלויבט,
אַז נור בלוט אַליין ועט אָבוואַשען דעם גרויסען פערברעך פון
דעם זינדיגען לאַנד".

די אַמעריקאַנער פלעגען אָפט אָנרופען דזשאָן בראָון'ן:
„דער לעצטער פון די פוריטאַנער". דאָס כאַראַק־
טעריזירט איהם גאַנץ ריכטיג. ער איז אַ פוריטאַנער געווען ניט
נור לויט זיין שטאַם, נור ער האָט אין גאַנצען פערהיט די
אמונה פון זיינע אָבות אין השגחה און וואונדערבאַרע צייכע־
נונגען פון הימעל; אין איהם איז אויך פערבליבען די
פוריטאַנער פעראַכטונג צו לוקסוס, גלייכגילטיגקייט צו קונסט און
זייערע שטרענגע גוטע מדות.

VIII.

דֶער פְּרֶעזֶעס פון רֶעסְפּוּבְּלִיקא.

יעצט וועט אונז פאָרקומען אויפצובלאַטערען די סאַמע
פינסטערע בלאַטער אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע
שטאַאטען, בעריהרען די צייט, ווען — ווי לינקאָל'ן האָט זיך
אויסגעדריקט — „די מחלוקת האָט גענומען הערשען אין הויז",
דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך איינגעטהיילט אין צוויי פיינדליכע

לאַגער׳ן, אונ אין פערלויף פון איינִיגע יאָהר האָבען זיי צווישען זיך געפיהרט אַ בלוטיגען שטרייט, דעם שרעקליכסטען פון אַלע אַנדערע — איין אינערליכער שטרייט.

קוים איז לינקאָלן געמעלדעט געוואָרען אַלס פרעזידענט, האָט די אונצופריעדענהייט, וואָס האָט ביז יעצט, ווי אַ פונק, „געטליעט״ אין פערשיעדענע טהיילען פון דרום, אָנגעחאַפּט, ווי אַ שרפה, אַלע דרום׳דיגע שטאַאטען. אַזויערנאָך, איז דאָס אויסוואָהלי׳ן אַאבראם לינקאָלנ׳ן אַלס פרעזעס אין די פעראייניגטע שטאַאטען געוואָרען אַ סיגנאַל צו איין אונגעזאַמטער שטרייט.

אין דעם אויסוואָהלען האָבען די דרום־לייט צוגעזעהן אַ חורבן פיר אַלע זייערע האָפנונגען. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז פון יעצט איז אין געפאַהר ניט נור די פערברייטערונג, זאָגאַר דער עקסעסטענץ פון שקלאַפעריי אַליין, אויף וועלכער עס איז געגרינדעט זייער גאַנצער עקאָנאָמישער געבוי. אונ זיי האָבען זיך בעשלאָסען מיט אַלע קרעפטען צו פערטהיידיגען זייערע רעכטע. באַלד נאָך דעם אויסוואָהלען האָט די געזאָצגעבער פערזאמלונג פון דרום־קאַראַלינאַ געזאַמעלט אין טשאַרלסטאָן איין קאָנווענץ, וועלכע האָט איינשטימיג געמאָלדען, דאָס „דער בונד, וואָס האָט עקסעסטירט צווישען דרום־קאַראַלין אונ אַנרערע שטאַאטען אונטער דעם נאָמען די פעראייניגטע שטאַטען אין אַמעריקא, איז פון יעצט צערשטערט״. אין אָנהאַנג צו זייער אַבטהיילען זיך האָבען זיי אָנגעוויזען אויף די פיינדליכע בעציהונגען פון דער פאַרטיי, וואָס האָט אויף דעם אויסערוואָהלען געזיעגט צו דער שקלאַפעריי־גרינדונג. באַלד נאָך דער ערקלאָהרונג איז בעשטימט געוואָרען אַ בעזאָנדער קאָמיסיאָן אויף צו איבער ריידען מיט אַנדערע שטאַאטען פון שקלאַפען איינענטהימער, אַז זיי זאָלען אָבפאַלען פון בונד, אונ מיט דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאטען — וועגען דעם פאַנאַנדער טהיילען דעם פערמאָגען אונ די חובות פון דער מלוכה. צום ענדע פעברואַר 1861 יאָהר האָבען זיך נאָך זעכס שטאַאטען אין דרום

בעשלאָסען אָבצושטעהן פון בונד, אונ אין גיכען האָבען די אַללע זיעבען שטאַאטען אויפגעהויבען די פאָהן פון אַ מרידה אונ זיי האָבען געגרינדעט זייער רעגיערונג זעלבסט, אָנרופענדיג זיך די קאָנפעדעראַל-שטאַאטען אין אַמעריקא. פאַר אַ פרעזעס האָבען זיי אויסערוואָהלט דזעפפערסאָן דעווים'ן אונ האָבען זיך געגרייט צו שטרייטען מיט די פעדעראַל — ווי זיי האָבען עס אָנגערופען — שטאַאטען אין צפון; זיי האָבען בעפאָר פערהאַפט די אוצרות פון געוועהר, וואָס האָבען זיך געפונען אין זייערע גרעניצען, די פעסטונגען, קריעגס-שיפען, טאַמאָזשנעס אונ פאָסט קאָנטאָרען.

די פאַרטיי אין דרום, ווי עס איז שוין געראָדט געווען, האָט אַ גרויסען איינפלוס געהאַט אין לאַנד, איהרע פאָרשטעהער זענען גאָר וויכטיגע בעאַמטע אין דער רעגיערונג געווען. יעצט האָט זיך ענטדאָקט, ווי זיי האָבען גאָר אָהן שעמעריי בענוצט זייער מאַכט צו שטיצען דער פאַרטיי פון שקלאַפען-איינגעטהימער. דער געוועזענער קריעגס-מיניסטאָר — איינער פון די פאָהיגע דרומס'לייט — האָט נאָך בעפאָר צוגעגרייט פיעל געוועהר אונ קריעגס-פאָראַטהען אין די אַרסענאַלען פון צפון אויפ'ן קאָסט פון דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאטען, אונ די אַלע פאָרראַטהען האָט ער פערוקט אין אַ זיינע פונקטען, פון וואַנען די דרומס-לייט האָבען עס לייכט געקאָנט בעקומען. די קריעגס-פלאָטע איז צערוואָרפען געווען אין די ווייטערסטע טהיילען פון דעם לאַנד, אונ צו דעם אַלעם איז דער רייכסשאַטץ (אוצר-המלוכה) זיך אויסגעוויזען לעער.

ווי נור דער נייער פרעזעס האָט פערטראָטען זיין פאַליכטע, אין מאָרץ 1861 יאָהר, האָט ער זיך שוין באַגעגענט מיט אונגעהייערע שוועריגקייטען, וועלכע זענען נאָך האַרבער געוואָרען פון דער אומשטאַנדע, וואָס איניגע פון די פעראייניגטע שטאַאטען אין צפון האָבען אויס געזעהן אַלס גרויסע געגנער צו שטרייטען אָפענטליך מיט דער מרידה. וואָס האָט געשטרעבט צו צערייסען דעם בונד אונ האָט דראָהענד געאַרבייטעט. די שרעק פאַר'ן אינערליכען שטרייט איז אַזוי שטאַרק געווען, אז

פיעלע, אום צו פערזארגען אשלום, האבען איינגעשטימט זאגאר אבטהיילען זיך פון דרום. אין דער רעדע, מיט וועלבער אברהם לינקאלן האט ארויס געטראטען, האט ער מיט גאר רידהרענדע רייד איינגעראדט די דרומס-לייט ניט צו ווארפען זייער אלגעמיינע פאטערלאנד, ניט אנצופאנגען קיין ברודער-מארערדישע מלחמה. נור דאס איז אלץ אומזיסט געווען, די דרומס-לייט האבען אויף א שלום נישט איינגעוויליגט, אונ דער צווייטער פרעזעס זייערער האט פערפולל ארויס געזאגט זייערע פלאנער מיט איינעווילדע ווארטער: „מיט געוועהר אין די הענט, אלעם מאכענדיג חרוב דורך פייער אונ שווערט, וועלען מיר זיך בעוועגען אהין, וואו עס ערווארטעט אונז געוויס דער נצחון — אין די געדיכט-באזעסענע שטאדט אין צפון".

דאס איז נישט געוועזן קיין פוסטעס דראהען. אונ אין א מאנהייט ארום נאך דעם פרעזעס רעדע, ווען דער אינערליכער מיניסטער האט נישט צו גענומען די קאמיסיע פון דרום, — ער האט, לויט דער קאנסטיטוציא, ניט ערקאנט זייער רעכט צו אונטערהאנדלען וועגען צעררייסען דעם בונד, — האבען די דרומס-לייט בעלאגערט דעם אופער-פעסטונג סאמטער אין טשארלסטאונער האפען, וואו עס האט זיך געפונען אהארניזאן פון צפון פון זיעבעציג סאלדאטען אונ האבען עס פערנומען נאך זעכס-אונ-דרייסיג שעה באמבאדירען. דאס איז געווען דעם 14-טען אפריל 1861 יאהר.

אזא גוואלדיגקייט, וואס איז ארויסגערופען געווען גלאט אומזיסט, האט א ענדע געמאכט פון אללע ספקות אונ האט פעראייניגט אללע שטאאטען אין צפון מיט דעם צוועק צו אונטערדריקען די מרידה פון דרום אונ צו פערהיטטען גאנץ דעם בונד.

אין איינינע טאג ארום האבען זיך די איינוואהנער פון די שטאאטען אין צפון מיט ההפעלות, „אבגערופען" אויף דעם פרעזידענטס אויסרופען צו בעוואפענען 75 טויזענד מאן, דאס זעלבע אויף פיעל אנדערעס, וואס האט באלד נאך דעם געפאלגט.

עס איז צו באַמערקען, וואָס אין דעם סאַמען קריטישען מאָמענט האָט דער אַלטער געגנער לינקאָלנ׳ס, דוגלאַס, וואָס האָט אומגעביטען זיין מיינונג וועגען שקלאַפֿען אין די דרומס-לייט, אונטער דער ווירקונג, וואָס סאַמטער איז צערשטערט געוועזן, דער ערשטער געקומען פֿאָרלעגען זיין ראַטה און הילף. ווען דער פרעזעס האָט פֿאַר איהם דורך געלעזען זיין פּראָקלאַמאַציאַ איבער דאָס צונויפֿזאַמלונג פֿון די 75 טויזענד מאַן, האָט דוגלאַס באַמערקט: בייט אום דעם ציפֿער אויף צוויי הונדערט טויזענד; איך ווייס גענויער פֿון אייך די פֿערדאָרבענע שטרעבונגען פֿון די פֿערבראָכער". און די צוויי לייט, וואָס זענען שונאים געוועזן אַ משך 20 יאָהר, זענען פֿון יעצט אָן די נאָהענסטע פֿריינד געוואָרען.

די מרידה האָט אָנגענומען אַ ריעזיגע מאָס; אַלע דרום׳דיגע שטאַאטען, אויסער פֿיער, זענען צו געשטאַנען צו די קאָנפֿעדעראַטען; און גיך האָט „דאָס גרויסע אומגליק", — ווי לינקאָלן האָט מיט קומער אָנגערופֿען די מלחמה — אויסגעדאָנערט איבער דעם גאַנצען לאַנד. מיר וועלען זיך דאָ בענוגענען מיט גאָר אַ קורצען איבערזיכט די צופֿאַלען, וועלכע האָבען יעצט געפֿאָלגט שנעל איינס נאָך דאָס אַנדערס, דען בשרייבען אויספֿיהרליך די בלוטיגע מלחמה וועט נישט צו פּאַסען ניט די מאָס, ניט דער פּראָגראַם פֿון אונזער סקיצע. דער ערשטער וויכטיגער עפּיזאָד אין דער מלחמה, נאָך דעם חורבן פֿון סאָמטער, איז דאָס, וואָס די קאָנדעפֿעראַטען האָבען אָבגענומען ביי גאָרפּערס פֿעררי דעם אַרסענאַל, אין דער זעלבער צייט האָט דער חיל פֿון בונד געמוזט פֿערניכטען גאָספּאָרטער אַדמיראַלווירדע, כדי דאָס זאָל אויך ניט אַריין פֿאַלען אין די הענד צו די דרומס-לייט; דער צו האָבען די פֿעדעראַליסטען פֿערלוירען אַ גרויסען סכום געוועהר, קריעגס-גערעטהע און שיפֿען, גאָבֿדעם איז געוועזן דער בעוואוסטער קאַמפּף נעבען בולס-רען, וואו די צפֿונס-לייט האָבען בעקומען אַ קלאַפּף פֿערפֿול; נור פֿון דער צווייטער זייט איז דער קלאַפּף ניט גאָר אָהנע נוטצע פֿאַר זיי געוועזן: דאָס האָט זיי אַרויסגעוויזען די גאַנצע שוועריגקייט פֿון דעם פֿאַרקומענדען

שטרייט און האט זיי געצוואונגען צו קאנצענטרירען גאר זייערע קרעפטען און ענערגיע. קיינע צווייפעל, אז אזוי האט אויך געקלעהרט לינקאלן. ער האט באלד געפאדערט פון דעם פאלק נאך א האלב מיליאן סאלדאטען, און די צפונס'לייט האבען אין איהם אזוי געגלויבט, אז ווען ער האט געבעטען צו בעפאלמאכטיגען איהם אויף אזוינע טהאטען, וועלכע זאלען דעם שטרייט מאכען „קורץ און ענטשלאסען“, האט דער קאנגרעס איינשטימיג כמעט צוגענומען די רעזאלוציאן, לויט וועלכער דער קאנגרעס האט זיך מתחיב געווען צו געבען אין לינקאלנס רשות די נאטווענדיגע סוממען געלד און מענשען צו אונטער דריקען דעם דרום.

גיך נאכהער זענען די קריעגס־אפעראציאנען ביי די צפונס'לייט אוועק מיט עטוואס מעהר הצלחה און צום ענדע יאהר, — ווען זיי האבען שוין געהאט א חיל פון זעכס הונדערט טויזענד מאן — האט די איינריכטונג פון מיליטער איבער דער קריעגס־כיהנע מבטיח געווען פארשריטע. נור אין 1862 יאהר האט זיך אוועק געצויגען אריהע גרויזאמע געשלאג, אויף דער יבשה און אויפ'ן ים, און די צפונס־לייט האבען אלץ געליטען אונגליק; אזוי איז חרוב געווארען מאק־קלעלאנ'ס ארמעע, וואס איז געגאנגען אויף ריטשמאנד, ער האט בעקומען א קלאפף נאך א קלאפף אין א גאנצע רייהע בלוטיגע געשלאג און האט אנגעווארען 15 טויזענד מאן.

לינקאלן אבער האט מוטה נישט פערלארען און אין מאנאט יולי האט ער געפאדערט דריי הונדערט טויזענד מאן, און אין א מאנאט ארום נאך אזוי פיעל, צו ערפילען די רייהען (ряды) אין צפונ'ער ארמעע. ער האט זיך מיט דעם ניט באגנוגענט און האט זיך יעצט ענטשלאסען צו ערפילען אזוינס, וועלכעס ער האט שוין פון לאנג גערקלערט, וואס איז זיין גרעסטע טהאט אין לעבען, וואס האט אונשטערבליך געמאכט זיין נאמען.

ביז יענער צייט האט זיך דער פרעזעס נאך ניט ערלויבט צו אנצייגען די שקלאפעריי־פערניכטונג; ער האט געדענקט,

אַז די פֿערהאַסטע גרינדונג איז דאָך געשטיצט אין אַנדערע שטאַאטען אויף דער רעכֿט פֿון דער קאָנסטיטוציאָן. די מלחמה איז חאָטש ווירקליך געוועזן אַ שטרייט מיט שקלאַפֿעריי, נור אָפֿענטליך האָט עס געציעלט צו אונטערדריקען די מרידה אין דרום׳דיגע שטאַאטען, וועלכֿע האָבען געוואָלט פֿערברייטערן קנעכֿטשאַפֿט אויך אין אַנדערע טהיילען פֿון בונד, אונ, ווייל זיי האָט ניט געלונגען דער פּלאַן, האָבען זיי זיך בעשלאָסען צו „אָבשטעהן" פֿון דער רעפּובליק. אונ אַז לינקאָלן האָט דערזעהן, אַז די מלחמה מיט אַל־די שרעקען ציהט זיך שוין דעם צווייטען יאָהר, אונ עס איז גאָר קיין ענדע ניט אַרוים צו זעהן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די שקלאַפֿעריי, וואָס איז דער וואָרצעל פֿון דער מרידה, בעדאַרף פֿערניכֿטעט ווערען. אונ ער האָט בעפֿרייט דריי טויזענד נעגרען אין דער פּראָווינץ קאָלומביע, וואו עס געפֿינט זיך וואַשינגטאָן. ער האָט פֿערשפּראָכֿען פֿרייהייט צו די אַלע נעגרען, וועלכֿע וועלען זיך שטעלען אין די רייהען פֿון צפֿונ׳ס־אַרמעע, — מיט דעם האָט ער זיך ענטשלאָסען צו ערלייזען זיי אין אַלע שטאַאטען, דאָס האָט בעשטימט דעם וויכֿטיגען חאַראַקטאַר פֿון דער מלחמה, אַלס אַ שטרייט מיט קנעכֿטשאַפֿט. פֿאַר דעם ענטשיידענדען שריט איז געוועזן דעם פּרעזידענטס אַ פּראָקלאַמאַציאָ, וועלכֿע האָט ערשיינט אין סעפּטעמבער 1862 יאָהר, אין דער זעלבער פּראָקלאָמאַציאָ איז געוועזן, אַז אויב צו יאַנואַר 1863 יאהר, וועלען די קאָנפֿעדעראַטען ניט אַוועק לעגען זייער געוועהר, דאַמאָלס וועלען אַלע שקלאַפֿען אין די שטאַאטען, וועלכֿע זענען אויפֿגעשטאַנען קעגען דעם בונד, געמעלדעט ווערען, בעפֿרייטע.

די דרומדיגע שטאַאטען האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען צו לינקאָלנס פֿאָדערונגען אונ דעריבער זענען לסוף בעפֿרייט געוואָרען 4 מיליאָן קנעכֿט; פֿיעלע פֿון זיי האָבען זיך געשטעלט אין די רייהען פֿון צפֿונ׳ער אַרמעע קעגען זייערע געוועזענע הערשער, אונ מיט דעם האָבען זיי מעגליך געמאַכֿט פֿאַר די צפֿונ׳ס־לייט פֿיעל אייננעשפּאַרטער אַלס פֿריהער צו פֿערלאָנגערן די מלחמה.

לינקאָלן האָט בכיון אָבגעהאַלטען פון צו בעקאַנט מאַכען מיט זיין פּראָקלאַמאַציא ביז סעפּטעמבער 1862 יאָהר, ווען עס איז אָנגעקומען אַ נאַכריכט פון דער ערשטער פאַרשריטע ביי די צפונס־לייט. כדי ניט צו געבען איין אויסרעד זיינע נעגגער צו „פּערטייטשען” זיין אויסרוף צו די נעגרען אַלס אַ צייכען פון זיין שוואַכקייט. עס איז דאָ אַ געוויסע ידיעה, ווי דער פּרעזידענט האָט אונטער יענער צייט פייערליך געשוואָהרען, אַז אויב די קאָנפעדעראַטען וועלען אַרויס געיאָגט ווערען פון פּענסילוואַניע, וועט ער געווינען גליקליך דעם זיעג פון די שקלאַפען־בעפרייאונג. ווען ער האָט אונטער געשריעבען דעם 1־סטען יאַנואַר 1863 יאָהר, די געוויסע פּראָקלאַמאַציע צו בעפרייען, האָט ער באַמערקט פיר די פיעל בעזוכער אין ווייסען הויז *). וועלכע ער האָט בעדאַרפט די הענד דריקען: — איך האָב אונטער געשריבען מיט אַ ציטערענדע האַנד; זי איז מיהד, נור מיין בעשלוס איז פעסט. אין סעפּטעמבער האָב איך מודיע געווען די דרומס'לייט, אַז אויב זיי וועלען זיך ניט צוריקקעהרען צום בונד און וועלען ניט אויפהאָרען הרגנ'ן אונזערע סאָלדאַטען, וועל איך אַ טרייסעל טהון דעם סאַמען שטאַם פון זייער מאַכט, יעצט בין איך גרייט צו ערפילען מיין פערשפּרעכען ביז לעצט.

די פּראָקלאַמאַציע, ווען זי איז בעקאַנט געוואָרען, האָט אַלעמען געפרייט, די געגנער פון שקלאַפעריי האָבען יעצט אַרויס געזעהן דעם סוף פון דער שרעקליכער מלחמה, די צווייפלער האָבען בעקומען אמונה, און, איבערהויפּט איז יעצט אַלעמען קלאָר געוואָרען, אַז עס ווערט שוין אַ סוף פון דער קנעכטשאַפט. איינער איין אַ מעריקאַנער שריפטשטעלער דריקט זיך אַזוי אויס: „קיינע וואָרטער זענען ניט אימשטאַנדע אויס צודריקען די געפיהלען פון פריידע און דאַנקבאַרקייט, וועלכע די פּראָקלאַמאַציע האָט אַרויסגערופען ביי דעם שוואַרצען שבט, וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג געפייניגט אין קנעכטשאַפט, פאַר וועלכען עס

*) אַזוי האָט געהייסען די אָפיציעלע רעזידענץ פון דעם פּרעזידענט אין וואַשינגטאָן.

האָט זיך ערשט יעצט געוויזען דער גליקליכער וועג צו פֿרייהייט.

די אונבאַרעמהאַרציגע מלחמה האָט זיך נאָך געצויגען אין 1863 יאָהר, די צפון'ער האָבען אַלס געליטען אַ קלאַפּ נאָך אַקלאַפּ און עס איז געווען צו ערקאָנען צווישען זיי מוטהלאָזיגקייט; אָבער אין לינקאָלנ'ן און אין זיינע פֿאָהיגקייטען צו בייקומען אַלע אונגליקען, וואָס האָבען געדראָהעט איבער דער רעגיערונג, — האָבען זיי געגלויבט. און די האָפֿנונגען זייערע האָבען זיי נישט אָבגענאַרט. פֿון האַלב יאָהר אָן האָט דאָס גליק אומגעקעהרט צו זיי זיין ליכטיגען פנים. אין יוני 1863 יאָהר, זענען די דרומס-לייט, וואָס האָבען זיך אַריין געריסען אין מערילאַנד און פענסילוואַניען, צערשלאָגען געווען נעבען געטעסבורג און ביי דעם זעהר פֿיעל פֿערלוירען. דאָס געשלאָג איז ווירקליך געווען אַ צוריקקעהרענדער-פּונקט אין דער מלחמה, און יעצט האָבען די דרומס-לייט שוין פֿערלאָרען די האָפֿנונג צו איינ-בראָכען די מאַכט פֿון צפון.

לסוף יאָהר, אויפ'ן רעכטען שלאַכטס-פֿעלד, וואָס אַ געוויסער טהייל איז אַבית־עולם געוואָרען פֿאַר די געפֿאַלענע אין דעם שטרייט, האָט לינקאָלן נאָך דער פֿייערליכער צערמאָניע אַרויס געזאָגט די פֿאָלגענדע וואָרטער.

„מיט 80 יאָהר צוריק, אויף דעם זעלבען אָרט האָבען אונזערע אָבות אַ נייעם נאַציאָן אויף דער וועלט געבראַכט, ביי וועלכען די פֿרייהייט איז אַ „הויבען" געווען, וועלכע האָט געגלויבט, אַז אַלע מענשען ווערען גלייכע געבוירען, יעצט פֿיהרען מיר אַ גרויסען שטרייט, וועלכער בעדאַרף צייגען דעם פֿעסטען עקסיסטענץ פֿון דער רעגירונג, וואָס איז אויף אַזוינע עיקרים געגרינדעט.

„מיר זענען זיך צונויף געקומען אויפֿען פֿעלד, וואו עס איז פֿאָרגעקומען איינע פֿון די סאַמע בלוטיגע געשלאָג פֿון דער מלחמה, צונויף געקומען צו הייליגען אַ טהייל פֿון דער פֿעלד פֿאַר אייביגער רוה פֿאַר די יעניגע, וועלכע האָבען זייער לעבען געאָפּפֿערט אום צו בעפֿעסטיגען דעם נאַציאָנס לעבען. מיר

טהוען אַ פיינע זאך, נור אין פאָלען זינן דעם וואָרט, זענען מיר ניט מעהר אימשטאַנד צו הייליגען דאָס אָרט: די טאַפּפערע לייט, ווי לעבעדיגע, אַזוי די דאָ בעגראָבענע, האָבען דאָס שוין פריהער פון אונז געטהון״ . . .

„די וואָרטער, וואָס זענען דאָ גערעדט, וועלען אויף לאַנג בלייבען אין די ערינערונג פון מענשען; אָבער די מעשים פון די לייט וועלען קיינמאָל פערגעסען ווערען, גיעבער ברויכען מיר, די לעבעדיגע, בעגייסטערטע פון זייער ביישפיעל, ווידמען זיך צו דער גרויסער אַרבייט, אונ זייער בלוט זאָל ניט זיין אומזאָנסט פערגאָסען; זאָל אונזער נאַציאָן, נייגעבוירען ווערען צו פרייהייט, זאָל די פאָלקס־רעגיערונג — פון פאָלק אונ פיר דאָס פאָלק — ניט פערשווינדען פון דער ערד״.

נאָך דעם נצחון ביי געטעבורג, האָבען די צפונס־לייט אין דעם זעלבען מאָנאַט גובר געווען זייערע געגנער ביי וויקסבורג אין ביי'ן האַפען גודזאָן.

IX.

אין דעם ווייסען הויז.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, האָבען די פעראייניגטע שטאַאטען אין אַמעריקא איבערגעלעבט יעצט דעם סאַמע פינסטערען פעריאָד פון זייער געשיכטע. פאַרשטעהט זיך, ווי פיעל ענערגיע, שטאַנדהאַפטיגקייט אונ פאָליטישע וויסענשאַפט האָט זיך געפאָדערט פיר דעם מאַנן, וואָס האָט די רעגיערונג געפיהרט אין אַזאַ צייט, ווען דער עקסיסטענץ פון דער רעגיערונג איז אין געפאַהר געווען. לינקאָלנ'ס לעבען איז אַזוי שוין געווען די לעצטע פיער יאָהר פולל מיט אונרוה אונ

אויפרעגונג, יעצט האָט עס אָבער פֿאַרגעשטעלט אין רייהע דאגות, אָהנע אויפהער, וואָס האָבען געפֿאָדערט איבער-מענשליכע מיה; אַזוי ערנאָך האָט אפילו דער „אייזערנער” מאַן, וואָס איז געוואהנט געווען אין אַרבייט און פֿערשיעדענע דחקות, אָנגעפֿאַנגען צייטען-ווייס אָבשוואַכט ווערען אונטער דער שווערקייט פֿון דער שרעקליכער לאַסט. די, וואָס האָבען איהם פֿון איללינאָיס געקאָנט פֿאַר אַפֿרעהליכען שטאָנדיג, פֿאַר אַ געזונטען, פֿולל לעבען און הומאָר, האָבען יעצט אין איהם געזעהן איין אויסגעמאַרעטען מענשען פֿון אַרבייט, מיט טיעפֿע קנייטשען אויפֿען פנים, די גאַנצע צייט, וועלכע ער איז פּרעזידענט געווען, האָט ער זיך קיינע רוה ערלויבט, און ווען אַנדערע זיינע מיט גליעדער אין דער רעגיערונג פֿלעגען אָפֿטמאָל אין די זומער-היצען אַרויס פֿאָהרען פֿון וואַשינגטאָן אויסען שטאָדט, האָט ער קיינמאָל די הויפּטשטאָדט נישט פֿערלאָזען און איז אַלץ אונגעביטען פֿערבליעבען אויף זיין שטעל, ביז עס זענען ניט העריבער די געפֿעהרליכקייטען, וואָס האָבען געדראָהעט.

ביי די אַלע דאגות פֿאַר דער רעגיערונג און ביי אַזאַ אונגעהייערע קאָפּף-אַרבייט, איז לינקאָלן דאָן איבערגעבליעבען דער זעלבער גוטער, אָהן אַ ברעג, איינפֿאַכער מענש, ווי ער איז אין זיין יוגענד געווען. די הויפּט-שטריכען פֿון זיין הומאַנישער נאַטור זענען יעצט בעזאָנדער העל אַרויסגעוויזען זיך. דעריבער וועלען מיר דאָ ברייגגען איינינגע חאַראַקטערישע עפּיזאָדען פֿון זיין לעבען בעת די מלחמה אין וואַשינגטאָן. מיר נעמען דאָס פֿון קאַרפּענטערס בוך: „6 מאָנאַטען אין דעם ווייסען הויז”.

איינמאָל, ווען ער האָט אָנגענומען בקשות אין דעם ווייסען הויז, האָט ער בעמערקט צווישען אונגעהייער פֿיעלע בעזוכער, אַ יונגלינג פֿון אַ יאָהר 13, אַ קראַנקליכער אויפ'ן אויסזעהן, וואָס האָט געוואַרט אויף זיין אָטשערעד. לינקאָלן האָט איהם צוגערופֿען: „קום אַהער, מיין קינד, דערצאָהל מיר, וואָס באַגערסטו?” דאָס יונגלינג האָט געענטפֿערט מיט איין אָבגעהאַקטער שטימם: „העדר פּרעזעס,

איך בין צוויי יאָהר צייט אַ באַראַבאַנשציק אין פאָלק געוועזן, נור דער פאָלקאָווניק איז אויף מיר אין כעס געוואָרען און האָט מיך ארויס געיאָגט. איך בין קראַנק געוואָרען און בין לאַנג אין האָספּיטאַל געלעגען. מע האָט מיך ערשט אויסגעשריבען, בין איך געקומען בעטען — צי קאָן מען ניט פון מיינטוועגען עפּיס טהון". דער פּרעזעס האָט אויף איהם פריינדליך אַ בליק געטהון און געפרעגט וואו וואהנט ער. „קיין היים איז ביי מיר נישטאָ" — האָט דאָס יונגלינג געענטפערט. „וואו איז דיין פאָטער?"—„ער איז געשטאָרבען אין דער מלחמה". „דיין מוטער וואו געפינט זיך? — האָט דער פּרעזעס אַלץ נאָך געפרעגט. „די מוטער איז אויך געשטאָרבען. איך האָב נישט קיין פאָטער, קיין מוטער, קיינע ברידער... איך האָב קיינעם"... האָט דאָס יונגלינג צוגעלעגט און צעוויינט זיך. לינקאָלנס אויגען האָבען זיך אויך מיט טרעהרען אָנגעגאָסען. „צי קאָנסטו ניט גאַזעטען ארום טראָגען צום פערקויפען?" „ניין — האָט דאָס יונגלינג געזאָגט" — איך בין נאָך גאָר שוואַך; דער דאָקטאָר האָט מיר נישט ערלויבט לענגער בלייבען אין האָספּיטאַל, און קיין געלט האָב איך נישט און געהן האָב איך אויך ניט וואו". די סצענע, ווי עס בעשרייבען זי די צוקוקער, איז ביז גאָר ריהרענד געוועזן. דער פּרעזעס האָט גענומען אַ קאַרטעל און אָנגעשריבען אַ פּאָר שורות מיט אַ בקשה „צו פערזאָרגען דעם אָרמען יונגלינג", האָט עס איהם איבער געגעבען און אָנגעוויזען צו וועמען ווענדען זיך. דאָס יונגלינג איז אַוועק מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פנים, בערוהיגט מיט דעם געדאַנק, אַז ער האָט יעצט פאַר זיך אַ פריינד בעקומען — דעם פּרעזעס פון די פעראייניגטע שטאַאטען...

נאָך אַ מאָל האָט אַזאַ מעשה פּאַסירט: צוויי אַלטינקע פון דער פּראָווינץ האָבען אין אויפנעם־צימער ערוואַרטעט זייער אָטשערעד צו ראָדען עפּיס מיט'ן פּרעזעס. „יעצט איז דיין אָטשערעד — האָט דער אַלטינקער געזאָגט צו זיין פרוי, ווען לינקאָלן האָט אָב געפּאַטערט דעם פאָריגען. די אַלטיטשקע האָט פאַר־אויס אַרוים געטראָטען, האָט אַ ניעדעריגען רעוועראַנס געמאַכט

און געזאָגט: „הערר פּרעזעס". לינקאָלן האָט זיך אומגעקעהרט, האָט איהר די האַנד געדריקט און גאַר פריינדליך געפרעגט: „גוטע מאַדאַם, מיט וואָס קאָן איך אייך דיענען?" "הערר פּרעזעס" — האָט די אַלטיטשקע אָנגעהויבען ווייטער: „איך בין אַזוי אויפגערעגט, דאָס איך קאָן קוים רעדען. מיר איז נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו ראָדען מיט'ן פּרעזעס. איך בין אַ פרוי, וואָס איז איבערגעגעבען צום בונד, איך וואהן אין מערילאַנד; מיין זוהן איז שווער פערוואונדעט, ער ליעגט אין האָספּיטאַל; איך האָב געבעטען לאָזען איהם צו מיר, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך צו אייך ווענדען. ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָב איך איהם געשיקט שלאָגען זיך מיט די דרומס'לייט; אַז איהר וועט מיר ערלויבען נעמען איהם אַהיים, וועל איך אַרום איהם אַרום געהן און ווי עס וועט איהם נור בעסער ווערען, וועט ער ווידער געהן איינשטיללען די „מאַטעזשניקעס" פון דרומס-לייט, מיין זוהן איז אַוואהלער יונג, ער וועט נישט וועלען אָבי אויסדרעהען זיך פון דיענסט". ביי לינקאָלנ'ן, אויסהאָרענדיג די אַלטיטשקע, האָט אַ ליפּ פערציטערט. „יאָ, יאָ! זייט געבענשט פון גאָט! דעם זוהן וועט מען אייך אַרויס געבען, אויב ער איז נור ביי די קרעפטען צו ריהרען זיך פון האָספּיטאַל". ער האָט פאַר איהר אָנגעשריעבען אַ קאַרטעל צום דאָקטאָר.

אַ גענעראַל פון דער טהאָטיגער אַרמעע פערצאָהלט, וואָס פאַר איין האָס לינקאָלן האָט געפיהלט צום טוידט-בעשטראָפען פאַר פערבראָכען אין חיל. ער ברייננגט דעם פאָלגענדען צופאַל: „אין דער ערשטער וואָך שוין, ווי איך האָב איבער גענומען די קאָמאַנדע, האָבען זיך ביי מיר אָנגעהאָפט 24 איבער-לויפערס, וואָס זענען פעראורטהיילט געוואָרען דורך דער קריעגס-ריכטונג צום ערשיסען. דער פּרעזעס האָט בעדאַרפט אונטער שרייבען דעם אורטהייל, האָט ער זיך ענטזאַגט. בין איך געפאָהרען אין וואַשינגטאָן פערזאָנליך צו ערקלעהרען זיך. „הערר פּרעזעס" וויל איך איהם איינרעדען: דער בעווייז איז נויטווענדיג; ווען ניט איז אוים די דיסציפּלין אין דער אַרמעע. ביי דעם צופאַלל וועט

דער חסד מיט איינינע זיך אָברופען שלעכט אויף די פיעלע".
„ניין, גענעראל" — ענטפערט ער מיר — גענוג איז אויסער דעם אַלמנות, וואָס מאַכען נאָם די פעראייניגטע שטאאטען מיט זייערע טרעהרען. פאָדערט ניט פון מיר, אז איך זאָל זייער צאָהל גראָסער מאַכען; איך וועל דאָס ניט טהון".

דער סענאטאָר פון קאָנגרעס, מיסטער קעלאג האָט, זייענדיג אין וואשינגטאן, א טעלעגראַמם בעקומען, אַז א שכן זיינער, וועלכען ער האָט איינגעראָדט אָנקומען אין מיליטער, איז פאַר עפּיס אוויכטיגען פערברעך פעראורטהיילט פון קריעגס-ריכטונג צום ערשיעסען — אונ מאָרגען טאַקע. אויפגערעגט שרעקליך איז ער אַוועק צום קריעגס-מיניסטער; נור אַלע זיינע בקשות האָבען גאָר נישט געמאַכט. יענער האָט גיענטפערט: „שוין זעהר פיעל צופאַלען אַזוינע זענען אונבעשטראָפט געבליעבען". גאָר פערצווייפעלט האָט זיך קעלאג פון דעם מיניסטער געלאָזט צום ווייסען הויז, דער וועכטער האָט איהם נישט געוואָלט אריין לאָזען. עס איז שוין געווען שפּעט אונ דער פּרעזעס האָט זיך געלעגט שלאָפען. קעלאג האָט גובר געווען אַלע מניעות, האָט זיך אריין געשלאָגען צו איהם אין שלאָף-צימער אונ האָט איהם פערציילט מיט אויפרעגונג אין שטימם וועגען דער טעלעגראַמם. „דעם מענשען קאָן מען נישט שיעסען, הערר פּרעזעס" — האָט ער געזאָגט. „איך מאַך איהם נישט גערעכט. אָבער ער איז דאָך מיינער איין אַלטער שכן, ווי קאָן איך דאָס צולאָזען, אַז מען זאָל איהם שיעסען!" לינקאָלן האָט, ליעגענדיג אין בעטט, רוהיג אויסגעהאָרט זיין אַלטען קאָלעגע אונ האָט ענדליך געזאָגט: „יאָ, איך זעלבסט קלעהר, אַז דאָס ערשיעסען וועט איהם קיינע נוצען ברייננען. גיט מיר א קאָרשט א פעדער", אונ ער האָט אָנגעשריבען א באַפעהל פון חסד.

א מאָל האָט לינקאָלן, צווישען אַנדערע ביטטענדרע, באַמערקט איין אָרמע קראַנקע פרוי, ער האָט זי פעראַנדער געפרעגט, זי האָט איהם פערצאָהלט, אַז איהר מאַן אונ 3 זיהן זענען אין מיליטער געווען; דעם מאַן האָט מען נישט לאַנג

געהרג׳ט, זי איז גאָר אליין געבליעבען, איז זי נאָטווענדיג, בעדאַרף שטיצע; לכן בעט זי אָבלאָזען איהר דעם אָלטערען זוהן. לינקאָלן. לויט עס פערצאָהלט אַזעלכער, וואָס האָט מיט זיינע אויגען געזעהן, האָט אויפמערקזאַם אָנגעקוקט דער פרוי אין פנים אין האָט איהר געענטפערט מיט גאָר אַ פריינדליכער שטימע: „געווים, געווים אַזוי. אללעס, וואָס איהר האָט געהאַט, האָט איהר אָבגעגעבען; היינט אַז איהר האָט פערלאָרען אייער הויפט שטיצע, האָט איהר גאָר די רעכט צו בעקומען איינעם פון די זיהן”. ער האָט שוין אַרוים געגעבען דער מוטער אַ בעפעהל אויף צו פריי לאָזען איהר זוהן. אין אַ וואָך אַרום האָט זי זיך ווייטער געוויזען. די אונגליקליכע האָט פערשפעטיגט. פון דעם פאָלקס-קאָמאַנדיר האָט זי דערוואוסט, אַז איהר זוהן, וואָס האָט דאָרטען געדיענט, איז געשטאָרבען פון אַגעפאָהליכער וואונד, וואָס ער האָט בעקומען אין איינע פון די לעצטע געשלאָג. לינקאָלן האָט אָנגעקוקט די פרוי אַ פערשלאָגענע פון צער, ער האָט אויסגעהאָרט איהר טרויער און עס האָט איהם זעהר טיעף געריהרט, ער האָט געזאָגט: „איך ווייס שוין אייער פערלאַנג; איך וועל אַלעס טהון אָהן אייער בקשה; איך לאָז אייך אָב דעם צווייטען זוהן”; און האָט איהר ווידער שוין אָנגעשריבען אַ בעפעהל אויף דעם. איבערגעבענדיג איהר דאָס קאָסטבאַרע פאַפיערעל, האָט ער געזאָגט: „פון די צוויי געבליעבענע יונגען וועט ביי אונז ביי יעדען צו איינעם זיין; אַזוי איז גאָר עהרליך צוטהיילט”, די פרוי איז געריהרט גיווען ביז טרעהרען, זי האָט איהר האַנט געלעגט לינקאָלנ׳ן אויפען קאָפף און האָט פייערליך אויסגעשריען: זאָל אייך גאָט בענשען, מיסטער לינקאלן. זאָל ער אייך מאריך ימים זיין און איהר זאָלט בעשטאָנדיג זיין דער פיהרער ביי דעם גרויסען פאָלק!”

נור איינמאָהל, ווי מען פערצאָהלט, איז דער פרעזעס איין עקשן געבליבען. דאָס איז אַזוי געוועזן, אַ געוויסער האָנדלער פון שקלאַפען איז אין טהורמע פערזעצט געוועזן און פעראור־טהיילט צו בעצאָהלען טויזענד דאָלאַר שטראָף. ענדע דעם

טערמין פון זיין ארעסט, האט ער אנגעשריבען אבקשה־בריף צו לינקאלנ'ן: היות ווי ער איז ניט אומשטאנדע געוועז צו בעצאהלען דעם שטראף, בעט ער מוחל זיין איהם, האטש זיין פערברעך איז ער מודה. דער בריעף האט קיין איינדרוק ניט געמאכט אויפ'ן פרעזעס. „מען קאן מיך איינבעטען צו מוחל זיין אפילו א מארדער — האט ער געזאגט — איך וויים עס, אז צופיעל וייך — הארץ באזיץ איך, און דאס איז מיין חסרון; נור אזא מענש, וואס איז אומשטאנדע צו פאהרען אין אפריקא, דארטען צוזאמען רויבען קינדער אונ נאכהער פערקויפען זיי אויף אייביגע קנעכטשאפט, האבען דער ביי אי׳ן ציעל צו פערדינען אזוי פיעל דאלערם, אזוי פיעל צענטען... יא דאס איז ערגער פון דעם סאמע טהירישען מארדער, האטש ווען אין טהורמע זאל איהם אויסקומען צו שטארבען, וועל איך איהם אויך נישט לאזען פריי"...

לינקאלנס א פערעהרער דערצאהלט וועגען איהם פאלגענדעס:

„ביי דעם ריעזעגען מאן איז איין צארטליכעס, פרויען־הארץ געוועזן, פיעלע האבען עס פאר א חסרון גערעכענט. ער האט נישט געקאנט גלייכגילטיג צוקוקען ליידען, איהם האט געעקעלט צו אנטהון ווען עס איז וועה. אין א הייסען טאג, דורך געהנדיג א שאטענדיגע אלעע פון פרעזעסעס הויז צום קריעגס־מיניסטעריום, האב איך אופ'ן גראז אונטער א בוים דערזעהן דעם פרעזעסעס הויכע אונגעשיקטע פיגור. איהם האט באגעגענט אויפ'ן וועג אפערוואונדעטער סאלדאט, האט זיך צו איהם נאך ראטה געווענדעט, ווי צו בעקומען פענסיאן אונ א טהייל פון זיין דיענסטלוין, וואס מען האט איהם נאך ניט אוים געצאהלט. לינקאלן האט זיך אוועק געזעצט אונטער'ן בוים, האט דורך געלעזען אלע דאקומענטען זיינע אונ האט איהם אנגעוויזען וואוהין צו ווענדען זיך וועגען דעם, דער ביי האט ער איהם געגעבען א רעקאמענדאציאנס־בריעף.

פיעל האבען געפונען, אז דער פרעזעס איז צופיעל „צו־געלאזען", זיי איז דאס נישט געפעלען געוועזן, זיי האבען

געפונען, אז גאָר א היבשע צייט פאַרנעהמט ביי איהם גאָר אומזאָנסט דאָס אויפנעהמען.

ביי לינקאָלינען אָבער איז אויף דעם אויך געווען אשטריינג בעשטימטע מיינונג, ער האָט געפונען, אז אין א פרייען לאַנד, ווי אַמעריקא, האָט יעדער די רעכט צו זיין פריי צוגעלאָזען צו איהם. אויף אַזוינע טענות פלעגט ער ענטפער'ן: „איך פיהל, אז די צייט, וואָס איך פערשווענד אויף אונמיטטעלבאַרע אויפטראַגע מיט די פאָרשטעהער פון דעם המון ברענגט די גרעסטע נוצטען. מענשען, וואָס דרעהען זיך אַרום אין די אָפיציעלע ספערען, נעמען זיך אָן סוף־כל־סוף מיט איבעריגע אַמטליכקייט (שררה־שאַפט), — אפילו מיט זעלבסט־הערשאַפט — און פערגעסען, אז דאָס הערשאַפט האָבען זיי נור אויף אַ בעשטימטע צייט, אַלס פאָרשטעהער פון אַנדערע. דאָס טויג גאָר נישט. איך נעהם צו צוויי מאָל אין וואָך אַלעמען, אָהנע אונטער־שיעד, און יעדערער, וועד עס ברויכט צו מיר מיט עפּיס, ערוואַרטעט זיין „אָטשערעד", ווי ביי'ן שערער אין קלייט; אמת איז, דאָס עס קומט מיר אויס פיעל פלוידעריי אויס צו־האָרען, נור אויבעט פיעל אַזוינס, וואָס האָט יאָ אוויכטיגקייט, דאָס אין גאַנצען צוזאַמען געקניפּעלט האַלט אויף אין מיין זינ'ן בעשטאָנדיג דאָס פאָרשטעלען פון יענער גרויסער פאָלקס־מאַסע, פון וועלכער איך בין אַרויס און ברויך צוריק קעהרען זיך".

אין זיינע רעדען פלעגט לינקאָלן שטאָנדיג „אַריין וואַרפען" ערקלאָהרונגען דורך ביישפּיעלען און פאַבעל'ן (משלים) פון פאָלקס־לעבען; זיין שפראַך איז אויסגעפערילט געווען מיט פער־שיעדענע שפּריכווערטליך, שפּאַס און לעבעדיגע מעשה'לאַך. און צוליעב דעם מאַניער זיינעם, זענען זיינע רעדען פאַר־שטאָנדליך געווען פאַר יעדען שטומפּיגען און פלעגען אַשטאַרקען איינדרוק מאַכען אויף די מאַסען. אַמאָל איז צו איהם אַפער־מער געקומען מיט אַ קלאָג, וואָס די סאָלדאַטען פון די פעדער־אַליסטען, אַריבער געהענדיג זיין ישוב, האָבען ביי איהם אַפערד צוגענומען און היי; ער האָט געפאָדערט בעלאָהנונג פאַר די היזקות. לינקאָלן האָט איהם אָנגעקוקט, האָט צו־

געשמייכעלט פריינדליך אין געזאגט: „הארט זשע, מיין ליעבער הערר, ווען מע זאל זיך פירנעהמען מיט אלע אזוינע מעשיות, וועט עס כמאיען ארבייט אויף צוואנציג פרעזידענטען. איהר האט מיר דערמאנט איינעם מיינעם א בעקאנטען פון די אלטע יאהרען אין אללינאיס. ער האט געהייסען דשזעק צעם; ניכ־טערערהייט איז ער געווען איינער פון די בעסטע שווימער מיט פליטען איבער מיססיסיפי. ווען עס זענען די דאמפשיפפען (פאראחאדען) געווארען, האט מען איהם פיר הויפטמאן (קאפיטאן) געמאכט, אריבערגעהענדיג שטראמקליפפענס, פלעגט ער שטענדיג זעלבסט שטעהן אויפען רודער־ראד. איינמאהל, אריבער שווימענדיג אזוי ווען, די שיף האט זיך געשליידערט אויף אלע זייטען אין א בייזער שוים, אונ דזשעק אליין איז געווארען אויפמערקזאמקייט — ציהט איהם עפים איונגלינג פאר אפאלד אונ שרייט: „הערט, מיסטער הויפטמאן! שטעלט צו דעם דאמפשיפף אויף א ווייל! איך האב אין וואססער אראב געלאזען איין עפעל".

א מאל, אין זיין פריהמארגענדיגען אויפנעהמען, האט לינקאלן איינער בעזוכט, וואס האט זיך איהם געמעלדעט אלס זיינער איין איבערגעגעבענער פריינד; איהם נור האט דער פרעזעס צו פערדאנקען פאר דעם, וואס ער איז אויסערוואהלט געווען. אויף דעם „סמך" האט ער ביי לינקאלן געבעטען א שטעל איינע ביי דער רעגיערונגס־דינסט, וואס איז לעדיג געווען דאמאלס — „אזוי, הייסט עס — האט לינקאלן געזאגט, — זעה איך פאר זיך יענעם מאן, וואס האט מיר מיין גאנצען לעבען פערשמט, קיינע שטעלען האב איך פאר אייך, זייט אייך זיכער אין דעם. גוטען טאג! — זייענדיג א שטרייגער פוריטאנער אין לעבען אונ געוואנהייטען (רגילות'ן), פלעגט לינקאלן אפט־מאל חזר'ן פאר זיינע זיהן אזא קליין שטיקעל תורה: — טרינק ניט, רייכער ניט, קיי ניט, *) קריעג זיך ניט, שפיעל

---

*) ביי די אמעריקאנער איז זייער פערשפרייט גיווען א געוואהנהייט צו קייען טאבאק.

נים, לייגע נישט, ליעב גאָט, מענשען, ליעב דעם אמת, ליעב גוטעס אונ זיי גליקליך".

X.

לינקאָלנס טויט.

אין אָנפאַנג 1864 יאָהר האָט די מענגע היל פון צפון, מעהר, ווי אַ האַלב מיליאָן מאַנער, אַוועק געצויגען זיך צו ווירגיניע צו, מיט זייער נייעם אָבערפעלדהערר, וואָס לינקאָלן האָט בעשטימט, גענעראַל גראַנט. פריהער פון דעם האָט זיך גערעקרוטירט איבער אַ נייס פינף הונדערט טויזענד מאַן; וואַהרשיינליך, האָבען די צפון'ער נאָך איין אונגעהייער אַנשטרענגונג געמאַכט צו אונטערדריקקען גיעבער דעם דרום.

נאָכדעם האָט זיך די מלחמה געצויגען נאָך מעהר ווי אַ יאָהר אונ האָט זיך פערענדיגט מיט אַריידע בלוטיגע געשלאָג, וועלכע זענען איבער הויפט געווען צוליעב דעם צוועק, צו בעקומען צוריק ביי די דרומער די פערנומענע ווירגינער שטאָדט — ריצמאָנד אונ געטעבורג. איין ענדליכער זיעג האָט בעקראַנצט די אַלע אָנשטרענגונגען פון די צפון'ער נור אין פאָלגענדען יאָהר, אין מאַרץ. דען 9-טען אַפריל 1865 יאָהר, אין אַפּאָמאַטאָקס גאָיז, האָט זיך נאָהינט פון ריצמאָנד אַרונטער געגעבען דער אָבערפעלדהערר פון די דרומ'ער, דער גענעראַל לי, מיט'ן לעצטען רעשט פון זיין אַרמעע, אַכט-אונ-צוואַנציג-טויזענד מאַן. מיט דעם זיעג האָט זיך ווירקליך געענדיגט די שרעקליכע מלחמה; באַלד נאָכדעם האָבען די איבעריגע טהיילען פון דער אַרמעע ביי די קאָנדערפאַראַטען אויך אַוועק געלעגט זייער געוועהר. דער לעצטער זיעג האָט זייער טהייער געקאָסט;

עס איז ניט וועניגער פֿון צעהן טויזענד מאַן געפֿאַלען געהרג'עטע און פֿערוואונדעטע.

אויף מאָרגען, אַז מען האָט איינגענומען ריטשמאָנד, איז לינקאָלן, וואָס האָט זיך דאַמאַלס געפֿונען אין דער טהאַטיגער אַרמעע, געקומען צו פֿאָהרען אין דער „איינגענומענער" שטאָדט. נור דאָס איז ניט עהנליך געוועזען אויף אַ פֿייערליכען אַריינפֿאָהר, אַלס זיעגער; מיט איהם איז נור זיין קליינער זוהן געוועזען און זיין סוויטע איז נור פֿון איניגע זעעליט בעשטאַנען. נור די סצענעס, וועלכע ער האָט דערזעהן אין דער איינגענומענער שטאָדט, די הויפּט פֿעסטונג פֿון די דרומס'לייט, האָבען געמוזט האָבען שטאַרק לינדער מאַכען די שרעקליכע איינדרוקע פֿון דער ברודער-מאָרדישער מלחמה, וואָס האָט אויף שטיקער געריסען דאָס ליעבענדע הארץ ביי דיזען מאַן; די סצענעס האָבען איהם פֿאַר די אויגען געצייגט, אַז ניט אומזאָנסט זענען טייכען מענשען-בלוט פֿערגאָסען. דאָ האָט לינקאָלן אַם ערשטען דערזעהן אויך די גוטע רעזולטאַטען פֿון דער מלחמה און די פֿרייד און גליק, וואָס איז גאָר ניט צו בעשרייבען, וואָס דאָס שקלאַפֿען-פֿער-ניכטונג האָט מיט געבראַכט.

ווי ער איז נור אין שטאָדט אַריין געפֿאָהרען, האָבען איהם אַרום געריגנעלט מענגעס בעפֿרייטע נעגרען מיט געשרייען פֿאַר ענטציקונג. ווי צוקוקער בעשרייבען, איז די סצענע געווען זעהר אַ ריהרענדע. די אָרעמע, די געשלאָגענע ברואים האָבען יעצט פֿערפֿול ערקאַנט און געפֿיהלט, אַז זיי זענען פֿרייע, אַז זייערע בעדריקער זענען בעזיעגט און זיי האָבען זייער פֿרייד אַרויס געדריקט, ווי קינדער, מיט די גאַנצע ליידענשאַפֿט פֿון זייער דרום'ע ראַסע. זיי האָבען זיך געפֿרייט, געיאָמערט, געשריגען: „אשבח, אשבח צו גאָט!" און האָבען זיך מענגעס גאַנצע געקליבען אַרום לינקאָלנ'ן; מען האָט געשריגען: — „הורא! הורא! דער פּרעזעס לינקום איז געקומען!" איין אַלטיטשקע נעגערין איז געשטאַנען אויפ'ן שוועל פֿון איהר שטיבעל, די הענט געפֿלאַכטען, ווי ביי אַ תּפֿלה, און האָט

מיט התפעלות פון רעליגיאָזישע ענטציקונג געשריגען: „איך ברענג דיר, אָה גאָטט, מיין שבח פאַר דעם, וואָס דו האָסט מיר באַשערט צו אָנקוקען דעם פרעזעס לינקום!" איין אַלטינקער נעגר האָט אויס געטהון זיין הוט און האָט געבעטען גאָטס ברכה אויף דעם „מאַסע לינקום".

נאָך דעם אַז ריצמאָנד איז געפאַלען, האָט זיך דזשעפפערסאָן דעווים, דער געוועזענער פרעזעס ביי די קאָנפעדעראַטען, בעהאַלטען אין די שטאַאטען פון דרום, שפּעטער שוין האָט מען איהם אַרעסטירט צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע עלצטע פון די דרום'ער; דער אַרעסט איז אָבער נישט אויף לאַנג געווען, לינקאָלן האָט אַזוי בעגערט שלום, בערוהיגען דאָס לאַנד, וואָס גיעבער זאָל זיך „פערגעסען די אַלטע מחלוקת", דאָס ער איז ווירקליך זעהר צופריעדען געווען מיט דעוויסעס ענטלויפען. מען דער צאָהלט אַ שפּאַס — וואָס ער האָט געענטפערט, בעת דער גענעראַל לי האָט זיך אונטערגעגעבען. מען האָט איהם געפרעגט: — וואָס קלעהרט ער טהוען מיט דעוויסען?"

— „עס איז געווען אין שפּרינגפילד אַ יונגעל, ער האָט אָנגעקליעבען געלד און געקויפט אַ שופּפען (יענאָט). אין אַ צייט אַרום האָט איהם דאָס חיה'לע דערעסען און ער האָט ניט געוואוסט וואָס מען טהוט. געהט ער זיך אַ מאָהל איבערן גאַס, אַבוועגדיגענד זיך פון דער באַזער באַשעפעניש, וואָס האָט איהם זיינע קליידער צעריסען: אַ צופייניגטער אין גאַנצען, האָט ער זיך געשטעלט אויף אַפּאָסטען. אַ פאַרבייגעהער האָט אויפמערקזאַמם געמאַכט אויף זיין צופיצעלטען קאָסטום און האָט איהם געפרעגט: וואָס איז דאָ אַזוינס? — „אה, פון דעם שופּפען האָב איך גרויסע צרות"... — „איז וואָסזשע האַלטסטו זיך מיט איהם? — האָט דער פאַרבייגעהער געפרעגט. — „ש ש ש, שטילער, האָט דאָס יונגעל אַרויס גערעדט: — „איהר זעהט דען ניט, אַז ער צו בייסט דאָס שטריקעל? איך וועל איהם ניט שטערען, אין דער היים וועל איך זאָגען, אַז ער איז פון מיר ענטלאָפען".

אין 1864 יאָהר, ווען די מלחמה איז אין רעכטען פייער געווען, איז געקומען דער טערמין פון צו אויסערוואָהלען אַ נייען פרעזידענט; ניט קוקענדיג, וואָס די דרומס־לייט האָבען זיך פיעל אָנגעשטרענגט צו צוריקקעהרען זייער פריהערדיגע הערשאַפט אין קאָנגרעס, איז קלאָהר געווען, אַז דאָס פאָלק וועט ווידער אויסערוואָהלען לינקאָל'ן.

אין אַזיצונג פון דער באַלטימאָרער קאָנווענט, וואָס האָט לינקאָלנ'ן אַלס קאַנדידאַט בעשטימט, האָט ער די פאָרשטעהער פון דער ליגע „נאַציאָנעלער־בונד" געענטפערט מיט אַ רעדע, וועלכע ציינט ווי אונבעקוועם איז צו אומבייטען יעצט אין דער מלחמה דעם פרעזעס. מערקווערדיג איז איין שטעל פון דער רעדע, נעמליך, די ווערטער וועגען „איבערשפאַנען פערד ביי'ן אריבער געהן אַ טייך", וועלכע זענען אַריין אין דער שפראַך אַלס אַ שפריכוואָרט. ער האָט אַזוי געזאָגט: „ענדליך קאָן איך עס ניט רעכנען, אַז דער קאָנווענט צו דער ליגע זאָל צו אַזא שלום קומען, אַז איך בין דער גראָסטער אָבער דער בעסטער מאַן אין אַמעריקע; נור איך קלעהר, אַז זיי וועלען געפינען פאַר אונפערשטאָנדיג צו איבער שפאַנען פערד אין דער צייט, ווען מען שווימט איבער דעם טייך, פאַר אַזא שלעכטען פערד רעכנען זיי מיך ניט, אַז דאָס איבער שפאַנען זאָל שוין גאָר קיין היזק ניט מאַכען.

מע קאָן זיך פאָרשטעלען מיט וואָס פאַר איין ענטציקענדע ליעבע די נעגרען די שקלאַפען אין גאַנץ אַמעריקע האָבען בע־האַנדעלט זייער פערטהיידיגער. מען פערצאָהלט, אַז אין 1864 יאָהר, אין דעם טאָג פון נייען יאָהר האָבען מענגעס נעגרען אַרום געקרייזט דאָס ווייסע הויז — „זיי האָבען ערוואַרטעט זייער וואָהלטהאָטער, וועלכען זיי האָבען פערגאָטערט, ווי איין איבער־נאַטירליכעס וועזען". שפעטער, אַז די מעהר דרייסטע פון זיי זענען אַריין אינעווייניג אין הויז און האָבען דערזעהן, אַז די טהירען זענען אָפפען גלייך פאַר די ווייסע, ווי פאַר די שוואַרצע, זענען זיי אַזוי ענטציקט געוואָרען און פערוואונדערט,

אז מען קאָן עס גאָר ניט אָבשילדערן. איינער, וואָס האָט זיך אין דעם נעגענוואַרט געפונען, ווען זיי האָבען זיך געוויזען אין דעם אויפנאַהמע-צימער, דערצעהלט: „גאַנצע צוויי שעה נאָך אַנאַנד האָט לינקאָלן בעדאַרפט דריקען הענט פון די ווייסע בעזוכער זיינע, דאָס האָט איהם שרעקליך פערמאַטערט, נור אז עס האָט זיך געוויזען די מענגע שוואַרצע, האָט ער אָבגעלעבט, ער האָט זיי הערצליך באַגעגנעט, אז זיי זענען ענטציקט געוואָרען. זיי האָבען געלאַכט און געוויינט, און דורך טרעהר'ן געשריגען: „זאָל אייך גאָט בענשען! זאָל גאָט בענשען אבראַאם לינקאָלנ'ן! זאָל גאָט בענשען מאַסע לינקון!“

דען 4-טען מאַרץ 1865 יאָהר, האָט אבראַאם לינקאָלנ'ן, דאָס צווייטע מאָל פערטראָטען די שטעלע פון פרעזידענט, די מלחמה האָט זיך נאָך ניט געענדיגט, נור עס איז שוין געווע' צו באַמערקען צייכען, אז עס איז שוין נאָהנט צו שלום. אויסערוואָהלט האָט מען איהם מיט אַזא גרויסען רוב שטימען, וואָס ביז דאַמאָלס האָט עס קיין פרעזעס נאָך ניט בעקומען. אין זיין רעדע אויף קאָנגרעס דען 11-טען אַפריל, אין צוויי טאָג ארום נאָך דעם, אז דער גענעראַל לי האָט זיך אונטער געגעבען, האָט ער אַרויס געזאָגט זיין וואונש, אַז מיט די שטאַאטען, וואָס האָבען זיך אָבגעטהיילט פון בונד, זאָל זיך די רעגירונג מיט חסד בעגעהן, זאָל וואָס גיכער שוין ווידער הערשען צווישען זיך די גוטע געפיהלען. עס איז קלאָהר, אז דער פרעזידענט האָט ערווארטעט באַלד אַ נייע צייט, מעהר אַ גליקליכע פיר זיין פאָטערלאַנד.

נור אין דער זעלבער צייט איז געשעהן איין שרעקליכע זאַך: מען האָט געטייט דעם פרעזעדענט לינקאָלן. נאָך בעת דער מלחמה פלעגט דער פרעזעס און די מיטגליעדער זיינע אין דער רעגירונג אָפט בעקומען בריעף פול מיט שטראַשונקעס אַלץ פון בעזאָנדערע לייטע, וואָס האָבען געהאָרט צו דער דרומ'ער פאַרטיי, און כל-זמן די מלחמה האָט געדויע־ט, איז זייער לעבען בעשטאָנדיג אין געפאַהר געוועזען. לינקאָלן איז שוין אַזוי געוואָהנט געוואָרען צו אַזוינע בריעף, דאָס ער האָט שוין אויף זיי אָנגעפאַנגען צו קוקען, ווי

אויף אַ געוויסען טהייל פֿון זיין שטאַנדינגער קאָרעספּאָנדענץ. נור די מלחמה איז דאָך שוין יעצט צו ענדע געקומען, דרום'ס שטרעקט אויס זיינע האַנד אויף שלום, אַללע שרעקען ברויכען יעצט צו פֿערשווינדען, דאָך אַנדערע פֿון גאָר די טיעפֿע אַנהענגער פֿון דער דרום'ס פּאַרטיי האָבען נישט געקאָנט ביי זיך פּועל'ן דעם נצחון פֿון די צפֿונ'ער; צאָרען אונ ראַכע האָבען געזאָטען אין זייער ברוסט צו דעם, וועמען עס האָט געלונגען זייערע מחשבות צערשטערען; ענדליך האָט אויסגעבראָכען אַ געהיימער בעשלוס צו טוידען לינקאָלנ'ן.

דער 14=טען אַפּריל — דער טאָג, ווען עס איז געפֿאַלען סאָמטער אין אָנפֿאַנג מלחמה — איז געווען פֿערקונדיגט אַלס נאַציאָנאַלער פֿייערטאָג, אונ אין וואַשינגטאָן, צווישען אַנדערע אַלגעמיינע פֿערגניגענהייטען, איז אויך בעשטימט געווען אויף אָבענד אַ ספּעקטאַקל אין טהעטער פֿאָרדאַ, וואו עס האָבען געברויכט צו זיין אויך לינקאָלן אונ אנדערע בעוואוסטע לייט.

אָבענד. דער טהעאַטער האָט זיך געבראָכען פֿון פּובליקום. אין לאָזשע איז געזעס'ן דער פּרעזידענד לינקאָלן, זיין געזינד אונ איינינע פֿריינד. דאָס פּובליקום האָט איהם מיט געשריי אונ ענטציקונג בעגריסט, דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אויף געהויבען, דאָס פּובליקום איז שטיל געבליעבען אונ האָט זיין אייפֿערקזאַמקייט געקאָנצענטרירט אויף דער סצענע, אַזוי איז אַ שעה אַוועק. אין דער צייט האָט זיך אָריין גע'גנב'ט צום פּרעזידענט אין לאָזשע איינער מיט דעם נאָמען דזשאָן ווילקס בוט, לויט זיין פּראָפֿעסיאָן אַשוישפּיעלער (אַקטיאָר), אַ פֿאַנאַטישער אַנהענגער פֿון דער דרום'דיגער פּאַרטיי, אונ האָט זיך גע= שטעלט הינטער זיין לעהנשטוהל. פּלוצלינג — אַ שאָס. לינקאָלן איז געפֿאַלען מיט איין ערשאָסענעם קאָפּף, דאָס פּובליקום איז צומישט, ערשטוינט געוואָרען, מען פֿערשטעהט גאָר נישט; נור פֿון דער ערשטוינונג פֿיהרט זיי באַלד אַרויס דער מאָרדער זעלבסט מיט איין אויסגעשריי: „אַזוי זאָלען פֿערניכטעט ווערען אַללע טיראַנען, דרום האָט זיין ראַכע גענומען" — איז ער איז אַריבער געשפּרונגען דעם באַריער פֿון לאָזשע אויפֿען

סצענע און איז אין טהיר פֿערשוואונד'ען, פֿאַלענדיג מיט'ן קינשואַל.

עס איז שווער צו שילדערן די פֿערצווייפֿלונג און שרעק, וואָס דאָס פובליקום האָט דערפֿיהלט, ערוויסענדיג זיך, אַז לינקאָלן האָט אָנגעוואָרען זיינע געפֿיהלען און אַז קיינע האָפֿנונג איז דאָ. די אויפֿרעגונג איז גראָסער געוואָרען, אַרויסגעהענדיג פֿון טהעאַטער אויף דער גאַס, וואו עס האָט זיך צערלאָזט אַ צווייטע נאַכריכֿט, אַז דער רעגיערונגס סעקרעטאַר סיוואַרד, לינקאָלנ'ס אַנאָהענטעד מיטאַרבייטער, איז אויך בעפֿאַלען געוועזן פֿון אַ מערדער, פעין פאוועל, און, אַ פֿערוואונדעטער פֿון קינשואַל, ליעגט ער אַ קראַנקער ביי זיך אין דער היים.

זאָרג און פֿערצווייפֿלונג האָט אָנגעחאַפּט אַלע וואַשינגטאָנער איינוואָהנער אין יענער נאַכֿט; צו דעם האָבען זיך נאָך צוטראָגען אנגסטליכֿע נייעסען, אַז די אַללע אַנדערע רעגיערונגס-גליעדער זענען ערמאָרדערט, אַז די מרידה אין דרום האָט זיך איבערנייעס אָנגעפֿאַנגען. אין דער פֿריה האָבען די איינוואָהנער פֿון דער הויפּט-שטאָדט האָבען בעקומען גאָר אַ שרעקליכֿע נאַכֿריכֿט: אין דער פֿריה דעם 15-טען אַפּריל 1865 יאָהר איז אַבֿראַאַם לינקאָלן געשטאָרבען.

דער פּלאַן צו ערמאָרדען לינקאָלנ'ן איז פּינקטליך נאָך געוועזן בערייט פֿון פֿריהער. נעבען טהעאַטער האָט אויפֿען מאָרדער בוטע געוואַרט אַ פֿערד, אויף וועלכֿען ער איז אַרויף געשפּרונגען, ניט קוקענדיג אויף די קלאָפּ, וואָס ער האָט בעקומען, שפּרינגענדיג אויפ'ן סצענע, און איז ער פֿערשווינדען. איהם האָט פֿערפֿאָלגט אַ הייסע נאָכֿיאָגען; נור דאָך האָט געלונגען ערשט אין איניגע טאָג אַרום צו ענטדעקען איהם אין אַ פֿערמע אין דרומ'ס מערילאַנד. די סאָלדאַטען האָבען אַרום געקרייזט דעם שייער, און נאָכֿדעם, אַז ער האָט זיך ענטזאָגט צו אונטערגעבען זיך, האָט מען די געביידע אָנגעצונדען און איהם געשאָסען. איניגע קאַמעראַדען זיינע זענען גיעך אַ רעסטירט געוועזן; פֿיער פֿון זיי זענען ענדליך געהאָנגען געוועזן. באַלד האָט זיך ענטדעקט, אַז אויסער לינקאָלנ'ן האָבען זיי טאַקע ווירקליך בדעה געהאַט צו טודען אַלע איבעריגע

מיטגליעדער פֿון קאַבינעט. פֿון די פּאַפּיערען, וואָס מען האָט געפֿונען ביי בוטען אין טשעטאַדאַן, האָט זיך ענטדעקט, אַז לינקאָלנ'ן צו ערמאָרדען האָט מען במחשבה געהאַט נאָך פֿאַר'ן פֿאַלען דעם גענעראַלס לי'ס חיל; עס האָט נישט אויסגעהאַלטען דער פּאַר, ווייל אַנדערע אַנטהיילנעהמער בוטס האָבען זיך ענטזאָגט צו ערפֿילען עס ביז מע וועט בעקומען ענדליכע אָנווייזונג (אינסטרוקציא) פֿון ריטשמאָנד, וואו עס האָט זיך געפֿונען דער רעגיערונגס-מיטעלפּונקט פֿון די קאָנפֿעדעראַטען.

פֿיל וועה אונ קלאָג איז דאָס לאַנד יעצט געוואָרען, אונ קיין אָהנליכעס, ווי עס שרייבט איינער פֿון לינקאָלנס לעבענסבעשרייבער, איז נישט אויס געקומען צו זעהן. „אומעדום איז געווען אַ חשך, פֿערצווייפֿלונג אונ טרויער. טאַנזבילען האָבען אָפּגעמלעך אין די גאַסען געקלאָגט; פֿרויען האָבען געשלוכצעט, שמעהענדיג מיט די קינדער אויף די שוועלען פֿון די הייזער. אונבעקאַנטע פֿלעגען זיך אויף דער גאַס צושטעלען, אָנפֿאַנגען רעדען, איבער רייסענדיג זייערע שמועס'ן מיט'ן וויינען. איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן אַזאַ אָהנליכעס פֿון ערינסטען מענשענאַנגסט. איין אונגעהייערע מענגע האָט זיך בעוועגט איבער די גאַסען אין פֿילאַדעלפֿיע, פֿערשטומפּיגט, פֿערשטיינערט, נישט וויסענדיג וואָס אונ ווי צו טהון פֿאַר וועה, אַלע האָבען געפֿילהט דעם גרויסען „בראָך". אָבענדצייט איז שוין די גאַנצע נאַציע אין טרויער געווען.

נור ערגיץ האָט דאָס פֿערצווייפֿלונג אונ וועה נישט געשטיגם אַזוי, ווי צווישען די בעפֿרייטע נעגרען: פֿאַר זיי האָט דאָך אַבראַאַם לינקאָלן זיין לעבען געאָפּפֿערט! זיי זענען פֿולל געווען אין די גאַסען אונ האָבען פֿערהילכט אַלעס מיט זייער יאָמער'ן; זייער צער האָט זעהר לאַנג איבער געלעבט דעם פּרעזידענט'ס טוידט.

דער צער, וואָס לינקאָלנס טוידט האָט מיט געבראַכט האָט זיך נישט באַנוגענט נור מיט די פֿעראייניגטע שטאַאַטען: אַלע געבילדעטע לאַנדער האָבען זיך פֿעראייניגט אין דעם אַלגעמיינעם אויסדריקען מיטגעפֿיהל אונ מיטלייד איבער דעם

טוידט, אַללע האָבען אנערקאָנט, אז דער טוידט פֿון אזא מאַן, ווי אַבראַאם לינקאָלן — איז אַ היזק פֿיר דער גאַנצער וועלט, אונ דאָס ווערט נאך איהם איז איין אַלגעמיינער.

פֿיעלע פֿריינד זיינע האָבען געפֿאָדערט, דאָס מען זאָל איהם מקבר זיין אין וואַשינגטאָן; נור דער שטאַאט אילינאָיס האָט אַרויס געצייגט זיינע זיכערע רעכטע אויף דעם, אז דער בעסטער בירגער זיינער זאָל בעגראָבען ווערען אויף זיין ערד, אונ מען האָט עס איהם נאָכגעגעבען.

נאָך דעם, ווי מען האָט אין וואַשינגטאָן, איהם „אֵל־מלא־רחמים"־געמאַכט אונ דאָס גאַנצע לאַנד האָט טרויער געהאַלטען דעם טאָג, האָט מען דעם אָרון אויף דעם וואַגאָן אַרויף געלעגט, אונ אָבגעפֿיהרט קיין אילינאָיס.

דאָ, אין ספּרינגפֿיעלד, וואו זיינע בעסטע יאהרען זענען אַדורך, וואו ער האָט זיין געזעלשאַפֿטליכע טהאָטיגקייט אָנגעהויבען, רוהט צווישען גוטע פֿריינד אונ בעקאַנטע דער **גוטער פּרעזידענט**.